STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09467

YIDISH

Leonid Feinberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. פיינבערג



פאָעמע

פון ווילנע ביז בוענאָס־איירעס,
פון תל־אָביב און ביז נויאָרק
האָט אויסגעשפּרייט זיך—נס פון דורות—
דאָס קיניגרייך פון י י ד י ש ־ וואָרט.

ניו־יאָרק, 1950

"YIDDISH"
(Poems)

Copyright, 1950, by
LEON FEINBERG
1319 Sheridan Ave., Bronx, N. Y.

◇

ביכער פון ל. פיינבערג:

ערב שטורעם / 1926
גרויס־שטאָט / 1928
ליכט און ברויט / 1931
דוד בלאַנק (ראָמאַן) / 1934
חבר לעבן / 1938
אין קיינעמס לאַנד (פּאָעמע) / 1940
די יורשים פון דער ערד / 1941
אַנטאָלאָגיע פון יידישער דיכטונג אויף רוסיש / 1947
בן־עזאי אין פּרדס (פּאָעמע) / 1948
אַנטאָלאָגיע פון רוסישער פּאָעזיע אויף יידיש / 1950

גרייט צום דרוק:
דער פאַר׳משפּט׳ער דור (טרילאָגיע).

◇

שער־בלאַט געצייכנט פון וואָלף יונין
אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון א. נ. א. פּ. י. ל. פּרץ־צווייג 83.

◇

Printed in the U.S.A. by
The Shoulson Press, 227 W. 17th St., New York, N. Y.
255

געהייליקט
דעם ליכטיקן אָנדענק
פון מיין מוטער
בת־שבע בת סענדער
ע״ה

אַ יידישער פּאָעט

ווען ס׳האָט דער מלאך מיך, אַ ברעקל,
געפרעגט מיט ערשטן שנאָל און גלעט:
— „וואָס ווילסטו זיין אין עולם־שקר?״ —
האָב איך געענטפערט: — „אַ פּאָעט!״ —

האָט ער אַ טראָפּן גאַל גענומען,
צעמישט מיט האָניק און מיט סם —
האָב איך אויף לעכצנדיקן גומען
פון יידיש־ליד דערפילט דעם טעם.

און אָפּט — אין דרעמלענדיקן טונקל
פון אַלקער׳ס רחבות׳דיקער פריד
האָט מיך די מאַמע אָנגעטרונקען
מיט זיסער מילך פון יידיש־ליד.

דערנאָך אין חדר ביים מלמד
אין שפּעטער ווינטערדיקער נאַכט
האָט מיך געגלעט מיט האַנט, ווי סאַמעט,
דאָס צאַרטע לשון פון תנ״ך.

ס׳האָט יידיש־לשון מיך געכאָוועט
מיט טרייער מאַמעדיקער האַנט:
אויף האַרבע סוגיות פון די „בבא׳ס״,
אויף מעשיות פון דעם חומש־לאַנד.

און אָפּט — אויף שער־בלאַט פון מיין סידור
האָב איך די אותיות געגראַמט —
און ס'האָבן ערשטע יינגל־לידער,
ווי שטערן אין דער נאַכט, געפלאַמט.

אין פריידיק־בליענדיקן גלויבן
האָט לשון־יידיש מיר געשטראַלט,
ווי צאַרטער פליעסק פון פרילינג־טויבן,
ווי ערשטע ליבע־קוש אין וואַלד.

דערנאָך — אויף שלאַכטפעלד אין מלחמה,
וואו ס'האָט געפאָכטן האַס מיט פליכט, —
האָט מיר געלויכטן — אַ נר תמיד
פון יידיש־ליד דאָס נצח־ליכט.

זינט דאַן — דורך שטורעם, שלאַקס און נעבל,
דרוך פרילינג־שפּראַי און קאַרשנצוויט —
האָט איך אַוועקגעשענקט מיין לעבן
דעם גורל ביטערן פון ליד.

נאָר זיס געווען איז אויף מיין גומען,
ווי פיין פון חדוה און באַשייד:
פון יידיש־ליד דער זיסער אומעט,
די טערפקע, שטראַלנדיקע פרייד.

און ווי אַ כישוף'דיקן אוצר
מיט שטערן־רענדלעך ריינעם גאָלד,
איך טראָג מיט ליבשאַפט אויף די פּלייצעס
פון לידער־מילשטיינער דעם עול.

ווען מלאך־דומה מיט אַ רמז
וועט פרעגן מיך ביים לעצטן גלעט:
— „וואָס ווילסטו זיין אין ע ו ל ם ־ א מ ת?" —
— „כ'וויל זיין אַ יידישער פּאָעט!" —

א. שפּראַך פון שפּראַכן

ביז גרייכן וועט די לעצטע האַנט די קאַלטע,
קאָן יידיש אויפרייסן דעם אוניווערז.
א. לעיעלעס.

אָ, מאַמע יידיש, שפּראַך פון שפּראַכן,
אָ, זיסער קלאַנג פון יידיש־ליד:
אין נעכט פון צער, אין טעג פון נחת
האָט ס׳פּראָסטע פאָלק דיך אויסגעשמידט.

ווי ס׳גאַרט אַ האַרץ נאָך גליק פאַרלאָשנס,
ווי ס׳חלשט גומען נאָך אַ טרונק,
האָט ס׳שטומע פאָלק געזוכט אַ לשון,
געלעכצט מיט פלאַפּלדיקער צונג.

געבאָרגט אַ קאָרעץ מעל ביי סלאַוון,
אַ טיפּע מולטער — ביי דעם דייטש —
און ס׳האָבן מאַמע־הענט שערשאַווע
פאַרקנאָטן ס׳טייג פון יידיש־טייטש.

און צוגעמישט צו רויע הייוון
אַ מעסטל האָניק פון תנ״ך —
ווען אויפגיין וועט דאָס טייג אין אויוון,
זאָל זיס אויך גומען זיין די שפּראַך.

פון ווערטער פּשוטע, ווי גראָשנס,
פון פּראָסטע, וואָכעדיקע רייד
ביזט אויפגעגאַנגען, יידיש־לשון,
ווי פריש, געראָטן היימיש ברויט.

דורך וויין און טרויער, טאַנץ און גילה,
מיט באָרד, מיט מאַסקע און מיט טוך
האָט ערשטער זינגמייסטער — דער שפּילמאַן
געזונגען דיך אין „שמואל־בוך״.

נאָך אים — פון האַמבורג ביז ווענעדיג,
העברעאיש־האַלב און חצי־דייטש,
געזונגען דיכטער האָבן פריידיק
אַ מזמור שיר לעברי־טייטש.

ב. אליהו בחור

ווענעדיג שלאָפט. פון ווינט צעפאָכעט,
דאָס וואַסער פליעסקעט אין קאַנאַל.
בלויז איינער וואַכט — אליהו בחור,
זיין האַרץ — אַ בעכער פול מיט גאַל.

ער איז שוין אַלט. דער אַכטער צענדליק
ליגט, ווי אַ הויקער, אויף זיין קאַרק.
ער קוקט צוריק: פון קינדווייז, שטענדיק —
אַ ים מיט פיין און פריידן — קאַרג.

די יוגנט־טעג אין שטילן נוישטאָט —
אין הויב אויף שטראַלנדיקע טרעפ:
אַזויפיל האָפנונגען אַנטוישטע,
אַזויפיל טרוימען אויסגעוועפט.

אַ לעבן צווישן וועלף און שפערבערס,
פאַר גביר און שררה זיך געבוקט.
ווען ניט די פריינטשאַפט פון וויטערבאָ, 1)
וואָלט אים די כנופיאָ לאַנג פאַרצוקט.

ער זעט אין עבר העלע פענער,
וואָס רוישיק פלאַטערן אין ווינט.
אויף העלסטער פאָן — „פאַריס און וויענאַ“, 2)
זיין ליכטיק אויסגע׳חלומט קינד.

און איבער זיי — אין בלויען היכל
אויף ווייסע וואָלקנדלעך, ווי פוך:
פאַר גאָט זיך בלעטערט אין די הייכן
אויף עברי־טייטש — זיין „בבא־בוך“. 3)

---

1) קאַרדינאַל עדזשידיאָ דע וויטערבאָ — באַוואוסטער גייסטלעכער אין רוים, וועלכער האָט מקרב געווען אליהו בחור.

2—3) „פאַריס און וויענאַ“ און „בבא־בוך“ — אליהו בחור׳ס ווערק.

ער שפּירט אויפסניי: דאָס יידיש־לשון,
ווי האָניק, טריפט אים אויף דער צונג.
ס'איז ווערט געוועזן דער שטרייט מיט רשע,
דער לעבנסוועג פון וואַגאַבונד.

די וועלט איז בייז, נאָר גאָט איז גנעדיק.
א ל י ה ו הערט דעם לעצטן שאַל...
עס וועקט זיך שוין פון שלאָף וועגעדיג —
און ס'רוישט דאָס וואַסער אין קאַנאַל.

ג. יעקב אשכנזי

די נאַכט, פאַרטאַיעט, ווי אַ גנב,
ליגט אויסגעצויגן פאַזע ברעג.
ביים גרינעם טייכל דרימלט י אַ נ אָ ו ו,
פאַר שאָטן אייגענעם אין שרעק.

דער ווינט די לאָדן רייסט מיט עזות,
ווי רשעות וואָלט געמאָנט איר שכר.
ביים טיש זיצט י ע ק ב א ש כ נ ז י,
דעם קאָפּ אויף דלאָניע אָנגעשפּאַרט.

ביים סומנע ליכט פון קאַרגן קאַנעץ
ער וואַרפט־אָן אותיות אויף פּאַפּיר,
ווי ס'וואָלט אַן אַלטער גוטער תנא
זיין האַנט מיט זיכערקייט געפירט.

ער טראַכט: —„ביים קבצן, ווי ביים נגיד,
דורך שבת, יום־טוב־טעג און וואָך
אַ פרוי איז אויך מחויב טראָגן
די זיסע פרייד פון תורה־יאָך.

— „נאָר טיף איז, טיף דער ים פון תורה,
ס'איז פרוי אין שווימען ניט געניט:
ווער ס'האָט פאַר לשון־קודש מורא,
און ווער קאָן סתם קיין עברי ניט". —

אין אויוון טליען נאָך די שפּענער,
ווי גינגאָלד, פינקלט רויטער זשאַר.
דאָס לעצטע בלאַט פון „צאינה וראינה"
פאַרענדיקט ליגט — זיין לעבנס שכר.

ער שאַרט אַוועק די בלעטער ווייסע,
און ס'רוט אַ שמייכל ביי זיין מויל:
— „אַ לעבן־לאַנג אין שיינע מעשה
פאַר פרויען יידישע דערציילט.

— „איצט וועלן איינזינקען די פושעים,
געשמיסן פון חרטה־בייטש —
איצט וועלן תורה־לערנען נשים
אויף פשוט־פּראָסטן עברי־טייטש". —

ד. מזמור שיר למאַמע־יידיש

אָ, מאַמע־יידיש, אין סכנה,
נאָך גרויל פון גזירת ת"ח און ת"ט
ביזטו געוועזן אַ שוץ און אָנלען
אַנטקעגן מערדעריי פון קאַט.

ווען ס'האָט געזוכט די חיה־רעה
פאַרצוקן אונדזער אור־געביין, —
אין מוסר־ים פון ווילנער גאון
האָסט אויפגעטויכט — אַ פעלדזנשטיין.

און שפּעטער אויפגעגאַן, ווי הייוון,
אין טיפע מולטערס פון געגאָד,
אויף ליפּן פון קדושת־לוי,
וואָס האָט גע'משפט זיך מיט גאָט.

ווען ס'האָבן טעג, ווי שוואַרצע קאַניעס,(1
געדראָט מיט אומקום און מיט שמד,
געשעפּט אין דיר האָט דער „בעל־תניא"
זיין הייסן גלויבן אין חב"ד.

---

1) קאַניעס — ראָבן.

האָסט אונדז פאַרזיסט די טעמנע דאַליע,
פון יאוש־שלאַנגען אונדז באַשיצט
מיט קלוגן הערשל אָסטראָפּאָליער׳ס
הלצה, גלייכווערטל און וויץ.

האָסט אויפגעשיינט אין מעשה־ביכל
פון צוימען־ברעכער אַקסענפעלד,
אין „ספר־חסידים״, „שטערנטיכל״,
אין „אוצר און געגנאַרטע וועלט״.

און שפּעטער האָט דיך אויסגעקעכלט
אין ווילנע אייזיק־מאיר דיק,
און ס׳האָט דיין ליכטיקייט געפּעכלט,
ווי משה — אין זיין יאַמשן־וויג.

פון מעזשבעזש — אור־קוואַל פון חסידיש,
ביז בראַצלאַוו — פּרוזדור צום אין־סוף —
איז מזמור שיר למאַמע־יידיש,
און הודו לדושם כי־טוב!

ה. ישראל בעל־שם־טוב

אויף אָסיען־שליאַכן שפּאַנט אַ פּויער
אין הויכע שטיוול און אין פּעלץ.
די זון גייט פּוסטריט נאָך דעם גייער
און הינטער אים דעם שטויב באַהעלט.

אויף געלע צווייגן שפּילט די שקיעה
מיט פינגער, ווי געלווישטער מעש —
און שטראַלן גליען אויף די וויעס
פון גרויען פּויערל — דעם בעש״ט.

ער קוקט אַרום אויף ווייטער רחבות.
די שטילקייט רוישט, ווי בינען־זשום:
אַזויפיל פרייד, אַזויפיל נחת,
אַזויפיל הייליקייט אַרום.

אויף ליפּן פלאָנטערט זיך אַ וואָלער
און ווערט פאַרלוירן אין די רייד:
— „אוי, שיילט פון עצבות אָפּ די שאָלעכץ,
אַנטפּלעקט די זיסע יאָדרע־פרייד״. —

ער ציקלט שטום זיך מעשה חזן
און ברומט אַ ניגון אין דער באָרד:
— „אַ ליאַדע קריש פון עולם־הזה
איז זיסער פונ׳ם שור־הבר״. —

ער שטעלט זיך אָפּ און דאַוונט מנחה.
עס שטאַרן פייגל אין געפּלעף:
— „אוי, עבדו אַדושם בשמחה,
מ׳דאַרף דינען גאָט־ברוך־הוא בלב.

— „דאָס פאָלק איז מיד פון לשון־קודש,
ס׳וויל דינען גאָט אויף פּראָסטער שפּראַך.
און דינען גאָט די גרעסטע פרייד איז,
און טאַקע דאָ — אינמיטן שליאַך.

— „איז זינגט מיט מיר אויף מאַמע־לשון:
דער מענטש איז פרייד, און פרייד איז גאָט!״ —
עס זינגט דער ב ע ש ״ ט. אין בין־השמשות
אַ טשאַטע פייגל טאַנצט אין ראָד.

ו. נחמן בראַצלאַווער

אַ שפּעטער שבועסנאַכטס אין א ו מ אַ ן.
רב נ ח מ ן בראַצלאַווער ליגט קראַנק.
ביים בעט קוקט נ ת ן צו מיט אומעט,
ווי מ׳רבינס לעבן צאַנקט און צאַנקט.

אויף חולה׳ס שטערן שטאַרבט אַ רעיון.
ער עפנט־אויף די אויגן ברייט:
— „אַי, נ ת ן, זיי זיך ניט מיאש,
כל־זמן עס טליעט נאָך דער קנויט.

— „כ'האָב ערשט געזען פֿאַר זיך דעם מ ש ח י ת.
האָט ער באַקומען שוין זיין פּסק:
ער וויל רק שלעפּן מיך אין חשכות,
האָב איך פֿאַרפֿאָרן אים אין באַק.

— „איך פּלעם אין באַק אים: — כופר, נאַ־דיר!
און ער — וויל לערנען מיט מיר פּשט:
— „כ'האָב לאַנג שוין אויף אַזאַמין צדיק
קיין שליטה, זאָגט ער, ניט געהאַט".

— „אַ צדיק, זאָגט ער, דאַרף פֿאַרזוכן
דעם טעם פֿון גיהנם — און דערנאָך
דערדינען זיך צו שבת־מנוחה
פֿון עדנס שטראַלנדיקער וואָך.

— „פֿאַרשרייב־זשע מיט כונה, נ ת ן,
לדורות בלייבן זאָל מיין וואָרט:
איך שענק מיין חלק פֿון לויתן
פֿאַר מעשה־חלום אויף דער וואָר.

— „איז זאָלן לאַכן אַלע שפּעטלער —
די קנאָה זיסער איז פֿון וויין.
נאָר „ס'מעשה־בוך בז' בעטלערס"
איך וויל פֿאַרענדיקן נאָך היינט.

— „כ'בין מיד פֿון סוגיות און מדרשים:
אין פּלי צום שטראַליקן א ח ד
אויף פּראָסט־און־פּשוט מאַמע־לשון
איך בין מתיחד זיך מיט גאָט". —

ז. שבת־פרייד

אָ, יידיש וואָרט אין מיילער פֿרומע
פֿון מאַמעס פֿרייטיק אויף דער נאַכט,
ווען שבת־פרייד און זיסער אומעט
אין אַלע ווינקלען לויבט און וואַכט.

מיט הענט פֿאַרבראָכן איבער בענטשליכט,
מיט הערצער אויסגעשטרעקט צו גאָט,
אי יידיש־פֿרום, אי וועלטלעך־מענטשלעך
די מאַמעס בעטן ביי אים גנאָד.

אָ, „גוטע וואָך!‟ אויף זיסע ליפּן,
ווי פֿרישער רויזן־איינגעמאַכטס,
פֿון שוועסטער ר ב ק ה , מומע צ י פּ ע
באַלד נאָך הבדלה שבויסענאַכטס.

אָ, קלאַנג פֿון באָבעס יאָמער־טענער,
מיט פֿנימער, ווי פֿאַרמעט, געל,
וואָס קלאָגן איבער צאינה־וראינהס
אויף צער און רשעות פֿון דער וועלט.

אָ, ווינטער־נעכט ביי ליכטלעך מאַטע,
ווען דרויסן ברענט און בריט דער פֿראָסט,
נאָך טעג אין קראָם דער פֿרומער טאַטע
מיט זיסן ניגון פֿראַוועט חצות.

ווען לשון־קודש זיס זיך פֿלאָנטערט
מיט יידיש אין זיין רויטער באָרד —
און ס'שמעקט מיט צויבער און מיט יום־טוב
פֿון יעדן מתיקות'דיקן וואָרט.

און כאָטש פֿאַרבענקט נאָך יוסטער „גביר'טע‟ 1)
פֿון כנען'ס יחוס'דיקן שטאַם,
וואו ס'וואַקסן באָקסערן און מירטן
און ס'בליט דאָס חומש'דיקע לאַנד,

איז ער פֿאַרליבט אין פּראָסטער „שפּחה‟: 2)
מיט באַקן, — עפּל, ציין, ווי שניי,
מיט אויגן — ציטערדיקער בליף־חן,
מיט ליפּן — רויזיקער געשריי.

---

1) „גביר'טע‟ — העברעאיש.

2) „שפּחה‟ — יידיש.

ח. אָ, שפּיל מיר, קלעזמערל, אַ ניגון!

אָ, שפּיל מיר, קלעזמערל, אַ ניגון,
אַ יידיש ליד פון צער און טרייסט
פון לאַנד, וואָס האָט מיין קינדער־וויגל
געהוידעט זוניק אויף איר שויס.

אָ, שפּיל אַ ליד מיר פון אוקראַינע
מיט שקיעות רויט, ווי וויינשל־זאַפט,
מיט טעג, ווי שפּעטע עפּל, וואַיניק,
מיט נעכט אין שטערנדיקן גאַף.

אַ יידיש־ליד — ביים ברעג פון דניעפּער,
וואו ס'שווימען שיפן מיט געהילץ,
מיט פולע מאַקערטעס מיט עפּל,
מיט פולע לאָדישעס מיט מילך.

אָ, שפּיל אַ ליד פון יונגען בלאָנדע,
פון כלה־מוידן אין צעבלי,
פון שיינע מומעס אין ראָטאָנדעס,1)
פון רייכע פעטערס פון ניט־הי.

אַ יידיש ליד, ווי זאַפראַן־חלות,
געמישט מיט צימרינג און מיט ניס,
ווי ס'ברויט פון שטעטלדיקן דלות,
מיט מאָן און טשערנישקע 2) פאַרזיסט.

אָ, שפּיל מיר, קלעזמערל, אַ ניגון,
אַ יידיש ליד פון פרייד און פיין:
פון זוניק־געלער מאַמעליגע,
פון רויטן קאַלאַראַשער וויין.

אַ יידיש־ליד — אַ נס אַ וואָרער,
מיט פרייד און טרויער אויסגעמישט,
ווי טערפּקער פּסח'דיקער מרור
מיט זיסע שבת'דיקע פיש.

---

1) ראָטאָנדעס — רייכע פרויען־מנטלען.
2) טשערנישקע — שוואַרצע זוימען.

אַ יידיש ליד פון יוסטע שטאַמען
מיט יונגען — שמעקעוודיקער צוויט,
אויף סטרונעס — זייד, מיט פינגער — סאַמעט,
אָ, שפּיל מיר, קלעזמערל, אַ ליד!

ט. ראָזשינקעס מיט מאַנדלען

אָ, יידיש־ליד, ווי צוקער־קאַנדל
מיט פינענדיקער מילך געמישט,
ווי זיסע ראָזשינקעס מיט מאַנדלען,
געשטעלט פאַר כיבוד אויפן טיש.

אָ, יידיש־ליד, ווי ציטער־שפּילקעס
אויף מאַמעס יום־טוב׳דיקן קלייד,
ווי היימיש־פרישע בוימלבילקעס, 1)
ווי פורים׳דיקער מלכות־ברויט.

אָ, יידיש — ניגון פון גמרא,
אָ, יידיש — פייגל־זונג און וואַלד:
ווי טאַטנס זילבערנע עטרה
מיט מאַמעס בלימלדיקער שאַל.

אָ, יידיש־ליד, ווי בשמים־ביקסל
אין זיידנס ציטערדיקער האַנט,
ווי טערפּקער טעם פון ווילד־געוויקסן,
וואָס שפּראָצן ביי בית־מדרש וואַנט.

אָ, יידיש־ליד, ווי ערב־פּסח
ווען ס׳ברעכט זיך אויפן טייך דאָס אייז,
ווען איבער וואַלקנס, ווי טליתים,
דער פרילינג שפּאַנט אין בלוי־און־ווייס.

אָ, יידיש־ליד — געזאַנג פון תהילים
אין שול יום־כפור פרי־באַגין,
ווען גאַנצע עדה בעט מחילה
אין שרעק פאַר גרויזאַמען גזר־דין.

---

1) בוימלבילקעס — געבעקס.

אָ, יידיש־ליד, אָ, צויבער־מעשה
פון זיידעס, טאַטעס און פון זין
אין ווייטן, נעפּלדיקן רייסן,
אין נאָנטער, זוניקער וואָלין.

פון ליטע, פּוילן און פון זאַמוט,
וואו בונטער דלות האָט געבליט,
אויף סטרונעס — זייד, מיט פינגער — סאַמעט.
אָ, שפּיל מיר, קלעזמערל, אַ ליד.

י. זיסע כלה

אָ, יידיש ליד, אָ, זיסע כלה,
געפּאַכטן האָבן פאַר דיין חן:
די זין פון שטעטלדיקן דלות,
די פּראָסטע ריטער פון ג ע מ י י ן.

אין שטעטלעך הויקערדיקע, וויסטע,
אין ליקן — שיקלדיק און נאַס,
אויף אַלע בליענדיקע מיסטן
פון שוסטער־גאַס און יאַטקע־גאַס,

אין ווילנער קלויז, אין קאָוונער שטיבל
אויף האַרטקייט פון ישיבה־באַנק
געזאַמלט האָבן זיי מיט ליבע
פאַר כלה־יידיש אַ געשאַנק.

דורך טעג און וואָכן און חדשים
חלומות ליכטיקע געוועבט —
מיט קרוין פון בליציקע של־ראשן
אויף יונגע, קרייזלדיקע קעפּ.

פון היימען חסידישע און פרומע
געקומען האָפעריק און יונג:
מיט ליד, ווי האָניק אויפן גומען,
מיט וואָרט — אַ ברכה אויף דער צונג.

זיי האָבן אויפגעאַקערט רוי־ערד
פון יידיש־לשון — בייט נאָך בייט —
און ס'האָט געווייט פון זיי מיט טרויער,
מיט עמך'ס שפּרודלדיקער פרייד.

און אויפגעגאַן איז לידער־זריעה
אין טיף פון יערנדיקער טראַכט —
און ס'האָט גענומען טאָג שאַריען
אין פינצטערניש פון געטאָ־נאַכט.

אָ, פרייד פון אויפגעיערטע ערדן,
אָ, צער פון שטעטלדיקער גאַס —
ס'איז מוכר־ספרים'ס בידנע פערדל
געווען דער יידישער פּעגאַס.1)

יא. מענדעלע מוכר־ספרים

דער טרויער הויערט איבער וועגן,
וואו שפּעטער האַרבסט אַ ניגון ברומט.
מיט ספרימלעך אַ פאַקנטרעגער
אויף בידנער קליאַטשע שלעפּט זיך אום.

און וואו ער קומט אַריין אין שטיבער,
איז ער אַן אָנגעלייגטער גאַסט:
דאָ פאַר אַ פרוי אַ בריוו געשריבן
און דאָ פאַרקויפט אַ גאַנצן ש"ס.

פאַרקויפט די סחורה, פאָרט ער ווייטער
מיט בידנער קליאַטשע אין געשפּאַן.
עס בוקט ביים וועג צו אים זיך קרייטער
און ס'שמייכלט קירבערס אויף באַשטאַן 2).

די גרינע יאָדלעס פאַלן כורעים,
די סאָסנעס צינדן ליכט פאַר אים,
ווען מיט זיין קליאַטשע לערנט תורה
דעם פאַקנטרעגער'ס זיסע שטים:

---

1) פּעגאַס — דאָס באַפליגלטע פערד — סימבאָל פון אינספּיראַציע.
2) באַשטאַן — אַ גאָרטן אין אוקראַינע.

— „לייג־צו דעם קאָפּ, מיין תנא־בראָ,
כה אמר מענדעלע, הער־אויס:
אוי, לסוסתי ברכבי פרעה,
עס, פערד, אַ מעסטל אַלעפּבייס.

— „עס זיצן יידן אויף ישובים
און לעכצן נאָך אַ יידיש בוך,
איז זיי־זשע, פערד, נישט קיין מנוול,
און גיב זיך גיכער דאָ אַ טשוך.

— „איז שלעפּ זיך, קליאַטשע — גורל בידנער,
מיט מלך־אביון אין געיעג:
פון גנילאָפּיאַטאווקע ביז זלידנע
ציט אונדזער מלכות׳דיקער וועג.

— „די וועלט איז שיין. אויף מאַמע־יידיש
דאַוואי אַ שמועס־טאָן מיט דער וועלט.
איז לאָמיר, קליאַטשע, מאַכן קידוש
אויף וויין פון סאָסנע און פון יעל״ —

יב. י. ל. פּרץ

אויף גאַסן הילכט דאָס מעש פון מאַרשן
און פויקן פייקלען דראָבנעם שרויט.
ווי גינגאָלד, לוישט אויף דעכער וואַרשע׳ס
די יונגע זון פון חול־המועד.

דער אַלטער פּרץ שטייט געבויגן
אין טיר פון אָפענעם באַלקאָן
און קוקט מיט מידע, מידע אויגן,
ווי פאָניע׳ס חיל שפּאַנט צום פראָנט.

ער גיט אַ צופּ די גרויע וואָנצעס
מיט שוואַכער, ציטערדיקער האַנט:
— „אָט שפּאַנען זיי, די שטומע באָנציעס
נאָך בולקעס אין אַ פרעמדן לאַנד״. —

די זון וואַרפט זשמעניעס גאָלד אויף דעכער.
ער הערט אַ שאַל פון בלויען רוים.
אין מח בליצט: — „אויב נישט נאָך העכער —
עס רופט אַ בת־קול מיך אַהיים״. —

ער קוקט אויף זעלנערשן האַרמידער,
וואָס פילט די גאַס אָן ביזן ברעג —
און שבת־יום־טוב׳דיקע יידן
באַהאַלטן זיך פון זיי אין שרעק.

ער זעט: נאָך זעלנער לויפן קינדער
און שפּילן צווישן זיך אין קריג...
— „ווער וועט דערלייזן זיי פון פּלינדער,
ווען איבער וועלטן הערשט די ביקס?

— „ס׳איז אונדזער מאָרגן אויסגעלאָשן,
ס׳איז אונדזער קיום אָן אַ גרונט,
אויב זיסער שפּראַך פון מאַמע־לשון
וועט טרוקענען אויף זייער צונג.

— „מע דאַרף זיי, אָט־די קליינע שפּילער,
דערציען אויף אַנאַנדער שפּיל...
מ׳דאַרף... שטילער, שטילער, דאַנקען וויל ער״...
און ס׳פאַלט דער דעמב אויף קאַלטן דיל.

יג. שלום־עליכם

אַ שפּעטער האַרבסט־טאָג אין יעהופּעץ.
מיט מעקלערס פול איז די קאַפּיי.
אויף פידלען הייזעריקע רופן
אַ טרויער־ניגון קלעזמער צוויי.

עס שווימט קאַפּיי — אַ סומנער היכל
פון פעטער געטין „פּרעס־און זויף״.
אַ מידער קוקט ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם
אויף האַנדל־וואַנדל, קויף־פאַרקויף.

און ס'דוכט זיך אים: אין אַלע לענדער,
אין יעדער שטאָט, אויף יעדן שטראַז —
די גאַנצע וועלט — איין מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ל
מיט „האָס" און „בעס" און „יקנה"'ז".

און פּלוצים צווישן מקח־ריוח
דערזעט ער: ביי זיין טישל שטייט
אַ ייִד אַ פּשוטער, ווי „טעוויע",
און רעדט צו אים אַזוינע רייד:

— „וואָס זאָרגט איר, רב שלום־עליכם,
ווי ס'וואָלט אייך אונטערגיין אַ שיף?
מע דאַרף באַנעמען וועלט מיט שכל,
דערזעט מען אַלץ, ווי דורך שפּאַקטיוו.

— „אָט קוקט אים אָן, דעם מנחם־מענדל,
מיט גאָר זיין וואַזשנעם הולך — נו:
ס'איז בלויז די לינקע זייט פון רענדל,
די רעכטע זייט איז — ס ט ע מ פּ ע נ י ו.

— „אין לופטן בויט ער זיינע שלעסער,
דער פּרינץ פון דלות און פון נויט —
עס איז ק אַ ס ר י ל ע װ ו ק ע — זיין כתר,
י ע ה ו פּ ע ץ איז זיין מלכות־קלייד.

— „זיין חלום שווימט אין גרויען נעבל
פון דאָלאַר, פונט און פראַנק און ר"ך, —
נאָר בלייבן וועט זיין כשר לעבן
פון אונדזער גלות דער תנ"ך". —

יד. וואונדערלעכע נעמען

ביים בוג, ביים ווייסל און ביים ניעמאַן,
ביים פּרוט, ביים דניעסטער און ביים דניעפּ —
אָ, וויפיל וואונדערלעכע נעמען,
אָ, וויפיל גאונות'דיקע קעפּ:

די פרייד פון גאָלדפאַדנ׳ס „שולמית"
האָט הערצער יידישע דערקוויקט,
ווען ס׳האָבן מיט זיין ניגון מאַמעס
די קינדער יידישע פאַרוויגט.

אויף פעטערבורגער ווייסע סקווערן,
מיט האַרץ געפענטעטן פון פראָסט,
האָט פרוג זיין ליד פון „זאַמד און שטערן"
געמישט אין „טרערנדיקן כוס".

נביאיש-שטראָפנדיק האָט ביאַליק
מיט „שחיטה-שטאָט" און „ס׳לעצטע וואָרט,"
ווי טרויבן זויערע געפּאַליקט
אויף ציין פון שלאַבעריקן דור.

און שטאָלץ — אין טריאומפאַלן וואָגן,
מיט דריי פערד — נאַשפּיץ — אין גאַלאָפּ,
האָט שלום אַש זיך דורכגעטראָגן
מיט קרוין אויף מלכות׳דיקן קאָפּ.

מיט קלוגן בליק פון קילן חריף
אויף בייזע איבלען פון דער וועלט
האָט נאָמבערג שטיל געדאַווענט מעריב,
ווען מ׳האָט צו שחרית זיך געשטעלט.

מיט האַס צו צלם־קעפּ — ליטוואַקעס,
צום נגיד, באַלעבאָס און רב,
געווען איז ווייסנבערג׳ס סך־הכל:
די גאַנצע וועלט — איין זשעליעכאָוו.

אויף שטרעקעס אומעטיקע, באַנגע
האָט הירשביין קערנדלעך פאַרזייט,
איז יידיש־לשון אויפגעגאַנגען
אויף „גרינע פעלדער" — קאָרן־ברויט.

מיט האַס צו פֿינצטערע ערלים,
צום פּחדן, וואָס פֿאַר נבזה קניט,
שׁ אַ פּ י ר אָ האָט דורך „קוש" און „צלם"
געוועקט דרך־ארץ פֿאַרן ייִד.

און אויפֿן ראַנד פֿון תּקופֿות שווערע
האָט ז י נ ג ע ר זיך אויף צוויי צעהאַלבט:
איין העלפֿט — פֿאַר „אַלטשטאָט" און פֿאַר „פּערל",
די צווייטע העלפֿט — פֿאַר „יאָשע קאַלב".

פֿון גאָט־דערקענטעניש פֿאַר׳שיכורט, —
מקובל, שטורמער פֿון יסוד, —
האָט צ י י ט ל י ן טעראַפּקען וויין פֿון ע י ק ר
געזוכט אין לאָגלען פֿון פּ אַ ר ב אָ ט.

פֿון ווייסע נעכט און שוואַרצע זונען
וואו ס׳באַלאַמוטשעט שד־געדריי,
האָט י. באַ ש ע ו ו י ס אויסגעשפּונען
דעם וויסטן „שטן פֿון גאָריי".

טו. געלערטע, קריטיקער און פֿאָרשער

מיט זיי געקומען זיינען יורשים,
דער באָבעס צירונג אָנגעבראַכט:
געלערטע, קריטיקער און פֿאָרשער —
און אויסגעצירט די כּלה־שפּראַך.

ס׳האָט ש. ד ו ב נ אָ ו ו, דער פֿרינץ פֿון חסידות,
געטויכט אין וייטן עבֿר׳ס ים —
און מעשׂות אונדז אויף פּראָסטן ייִדיש
דערציילט פֿון דורות׳דיקן שטאַם.

דער לעצטער כּהן און מפֿורש
אין פֿרעמד פֿון לעניגראַדער וואָר
באַהעפֿט האָט צ י נ ב ע ר ג שטאַם און שורש
מיט שאַרפֿער קלאָרקייט פֿון זיין וואָרט.

גענזען אין חלום האָט ז ש י ט ל אָ ו ו ס ק י :
עס ציט זיך שטרעקעס נאָכאַנאַנד
פון סאַן־פראַנציסקאָ ביז קיין מאָסקווע
אַ גרויס־אימפּעריש יידיש־לאַנד.

מיט טריישאַפט, זאָרגזאַמקייט און ליבע,
דער וואונדער־זאַמלער פון אַ דור,
האָט אַ נ ס ק י אויסגעוועבט אין „דיבוק"
לעגענדעס ליכטיקע פון וואָר.

פון יידיש־וואָרט דער טרייער גערטנער,
דעם מינדסטן יידישן טאַלאַנט
האָט ב ע ל ־ מ ח ש ב ו ת אויסגעצערטלט
מיט טאַטנס בענטשנדיקער האַנט.

אַליין געברענט די ברוינע ציגל,
אַליין געקנאָטן האַרטע ליים,
אין שווערער מי האָט ש מ ו א ל נ י ג ע ר
פאַר יידיש אויסגעבויט אַ היים.

טעאַטער־קריטיקער און קריגער,
אַ מומחה איבער גרים און באָרד,
מ ו ק ד ו נ י האָט אין קרומען שפּיגל
דערזען די לעבעדיקע וואָר.

און צווישן זיי — דער אינגסטער — ע ר י ק ,
אין מאָסקווער פּראַסטיקן אַזיל
געזוכט צו „שפּילמאַן־צייט" אַ דרך —
און האָט זיין לעבן דאָרט פאַרשפּילט.

אָ, שפּראַך פון מ ע נ ד ע ל ע און פּ ר ץ ,
פון חושך האָסטו אויפגעהעלט,
צעשטערט די געטאָ'שע באַריערן
און אונדז געפירט צו גרויסער וועלט.

טז. איסט־בראָדוויי

אָ, איסט־בראָדוויי, אין דיין געווימל,
אין שטויבן אונטער דיין אָפּצאַס
האָט העל צעשטראַלט זיך, ווי אַ דימענט,
די קרוין פון יידישן פּאַרנאַס:

אין נייעם לאַנד פון פעדלער־מקח,
אויף אָרטשאַרד, ריווינגטאָן און פּיט,
איז אויפגעגאַן, ווי קאָרן־לעקאַך,
אין ענגע מולטערס אונדזער ליד.

פון גרויען נעפּל־לאַנד, פון לעסטער
געבראַכט ווינטשעווסקי האָט זיין וואָרט:
אַנטקעגן גורל פון „דריי שוועסטער",
אַנטקעגן „טיטלמאַן" און „לאָרד".

און קעגן מעכטיקע און חשוב'ע
און קעגן קרוין און קירך און גאָט
געשטורעמט האָט דער צערנער באָוושאָווער,
דער איסט־בראָדווייער דאָן־קיכאָט.

מיט האַרץ, צעריסענעם פון סתירות,
צעווישן דיכטונג, לייד און טאַט,
געזונגען האָט זיין הייסע שירה
דער גרויזאַם־צאַרטער עדעלשטאַט.

פון קדושים ליכטיקע דער טוען,
פון אונטערדריקטע — שופר־שאַל,
צעטיילט האָט ליעסין ס'ליד אויף צווייען:
פאַר הערצלען — האַלב, פאַר מאַרקסן — האַלב.

און ראָלניק האָט דורך קלאָרער פּשטות
אויף וועג פון אָרעמע כבד־פּה'ס
געטיילט צו בעטלער איבערראַשטע
דאָס גאָלד פון לידער — רייך, ווי קרעז.

יז. מאָריס ראָזענפעלד

אויף איסט־בראָדוויי שאַרמאַנקעס 1) שפּילן
די בענקשאַפט נאָך אַ ווייטער וועלט.
אויף בלינדע אויגן גרינע ברילן —
שפּאַנט פּרינץ פון סוועט־שאַפּ ר אָ ז נ פ ע ל ד.

אָט־דאָ האָט ער זיין ליד געשאַפן
פאַר זין פון פּראַצע און פון נויט.
אָט־דאָ האָט ער געזען פון האַפן
זיי קומען זוכן גאָלד און ברויט.

אָט־דאָ געזען די סוועט־שאַפּ־ריטער
צו מי זיך אַיילן אינדערפרי.
אָט־דאָ די יוגנט זיי פאַרשניטן
האָט מאָנסטער גרויזאַמער „טי־בי״.2)

אין קיניגרייך פון רעק און העמדער
ער האָט געליטן גלייך מיט זיי.
איצט שפּאַנט ער דאָ — אַן איינזאַם־פרעמדער
און טאַפּט דעם שטיין פון איסט־בראָדוויי.

פון הימל שפּריצט מאַיאָווער רעגן
און ס'שמעקט דער פּאַרק מיט פּסח־וויין.
עס קומט „לאַטוטיס״ אים אַנטקעגן
און פירט „דאָס אינגעלע — גאָר פיין״:

— „וואָס זוכסטו פּרינץ פון שער־און־אייזן,
אויף גרויען שטיין פון ראָטגערס סקווער?
האָסטו פאַרלוירן צווישן הייזער
דעם שפּור פון אויסגעדינטן פערז?״ —

ער טאַפּט דעם שטיין מיט בלינדע אויגן
און רעדט פאַרווירט, אַזוי זיך, סתם:
— „איך זוך דעם עק פון רעגנבויגן
אויף בלויען „בוזעם פון דעם ים״.

---

1) שאַרמאַנקעס — קאַטערינקעס.
2) „טי־בי״ — שווינדזוכט.

— „ס'איז ווידער שוין דער מאַי געקומען
מיט גאָר זיין צויבער, גאָר זיין פּראַכט, —
האָב איך פּאַר קינדער פון מיין אומה
אַ ליד אַ נייע דאָ געבראַכט". —

יח. יהואָש

די זון פאַרגייט אויף זשאַווער־ריטלעך,
מיט אָוונט־שאָטנס אין געוועט.
ביים פענצטער זיצט דער גרייז פון וויטלאָק.1)
לעם אים אַ יינגערער פּאָעט.

ביים יונג אין האַלדז די ווערטער קרעלן:
— „עס וועט אייך וואונדערן מסתם,
וואָס איך, אַ יינגל, וואַג אייך שטעלן
אַזאַ מין פראַגע, מעשה תּם.

— „וואָס צווינגט אייך, רבי, אָפּצוגעבן
שוין לאַנגע יאָרן, טאָג ווי נאַכט,
דעם לעצטן קריש פון אייער לעבן
אויף איבערזעצן דעם תּנ"ך־?" —

י ה ו אָ ש שווייגט און קוקט פאַרטאַיעט
אויף שפּיל פון שאָטן מיט דער זון,
ווי ס'וואָלט געזוכט אַ שוואַרצע חיה
די זון פאַרשלינגען מיט איין שפּרונג.

— „מיין יונגער פריינט, — אים ענטפערט יהואָש, —
מיך וואונדערט אייער פראַגע ניט:
דאָס גאַנצע לעבן ווערט פאַר'גוי'איִשט,
און מער פאַר'גוי'איִשט ווערט דער ייד.

— „עס רייסט זיך ייד פון זיינע שטאַמען.
ס'וועט זיין: פאַרגעסן וועט דער זון
די אַלטע שפּראַך פון טאַטע־מאַמע,
וואָס צאַנקט און גוסס'ט אויף זיין צונג.

---

1) וויטלאָק עוו. — אַ גאַס אין די בראָנקס, וואו עס האָט די לעצטע יאָרן געלעבט און איז געשטאָרבן יהואָש.

— „דער זין פון תורה איז ניט דאַוונען,
ניט אומקום און ניט טויט־געשריי.
איך חלום פון אַ יידיש־י ב נ ה
אין קעלער־שטוב פון א י ס ט ־ ב ר אָ ד ו ו י י.

— „אין אַלע גזירות — אונדזער גורל
געווען איז תורה קעגן מאַכט.
איך האָף: סוועט אָפּשרייען די גזירה
מיין תרגום־יידיש אויף תנ״ך״. —

יט. די „יונגע״

אין בראָנקס, אין בראָנזוויל און אין פלעטבוש,
אין שאַפּ, אין סטאָר און רעסטאָראַן
קלינגט יידיש־לשון ניי, גרויס־שטעטיש
אין מויל פון יונגן אימיגראַנט.

עס גייען בחורים פון ו ו אַ ר ש ע
מיט גריַנע מיידלעך פון אָ ד ע ס
אין לאַנגע איסט־בראָדווייער מאַרשן
אויף יידיש־ריידן אין פּאַרמעסט.

און ס׳גאַפט בראָדוויי אין הוילן חידוש,
ווי ס׳זינגט די פּאַרביקע איסט־סאַיד:
אַ מזמור־שיר למאַמע־יידיש,
געמישט מיט „טראָבל״ און „אָל־ראַיט״.

באַטראָטן דעמאָלט האָבן „ י ו נ ג ע ״
דעם האַרטן שטיין פון איסט־בראָדוויי —
און ס׳האָט זיך זייער ליד צעקלונגען.
ווי זילבער־גלעקלעך אויפן שניי.

פון ראָזעווע אוקראַינער פריען
צו רו פון קאַליפאָרניער היים —
אַדורך זיין „ליכטיקע נסיעה״
איז ר ו י ז נ ב ל אַ ט דורך „הרודעס״, „ליים״.

מיט ברויז פון נייעם לאַנד פאַרלאָקערט,
פאַרוואָרצלט שטאַמיק אין תנ״ך,
האָט שוואַרץ די סאַגע פון „קענטאָקי״
אין מאַמע־לשון אונדז געבראַכט.

און לאַנדוי — יחוסדיקער אייניק,
דער מאַן פון זינגעוודיקן ליד.
פון לעבן — גרוי, ווי קיזלשטיינער,
האָט גאָלד־און־גינען אויסגעשמידט.

און ס׳האָט איגנאַטאָוו׳ס „יפתחס טאָכטער״
און „וואונדער מעשהלעך פון פּראָג״
אין איסט־בראָדווייער טעג פאַריאָכטע
צעבליט זיך, ווי אַ מאַנדלשטאָק.

כ. מאַני לייב

אין טריבע אָוונטיקע שעה׳ן
ווען ס׳פרעסט דער טוי פון שטיין דעם שטויב,
אויף איסט־בראָדוויי, ווי אליהו,
קומט יונגער זיידע — מאַני־לייב.

אויף שמאָלע אַקסלען הענגט אַ טאָרבע,
אין האַנט — אַ שפּילעוודיקע פּלייט.
עס שמעקט פון אים מיט ווייַנריב־לאָרבער,
מיט פריש־געבאַקן היימיש ברויט.

עס רינגלען אים אַרום די יינגלעך,
און „יינגל־צינגל־כוואַט״ — מיט זיי.
און קעלכלעך זינגעוודיקע קלינגען
אין שטילן פּאַרק אויף איסט־בראָדוויי.

ער נעמט אַרויס פון טאָרבע רונדער
אַ פולע זשמעניע צוקערוואַרג —
און טיילט זיי — וואונדער איבער וואונדער —
און זינגט אַ ליד זיי — שיין און צאַרט.

אַ יידיש ליד פון רויטע רויזן,
וואָס גליען, ווי די וואונדן רויט,
פון וואָוקאַלאַקעס מיאוסע, בייזע,
וואָס נעמען־צו ביי קינדער ס׳ברויט.

אַ ליד פון מיידל — יפת־תואַר,
וואָס האָט פאַר ליבשאַפט און פאַר שרעק
די ווייסע פרייד אין זיבן שלייער
פאַר איר געליבטן אָפגעדעקט.

די יינגלעך הערן־אויס פאַרטאַיעט
די צויבער־מעשיות, ווי אַ טרוים,
און לעקן־אויס די נאַשערייען,
און יאָגן זיך אַוועק אַהיים.

ער בלייבט אַליין אין שפעטע שעה׳ן,
מיט שפילעוודיקער פלייט אין האַנט.
און יונגער זיידע א ל י ה ו
ווינט איינזאַם ביי דער גרויער וואַנט.

כא. יוסף אַפּאַטאָשו

די שפעטע זון אויף גאַנג חומשים
וואַרפט קילן אָפּשטיין, ווי אַ קרוין.
ביים שרייבטיש הויערט אַ פּ אַ ט אָ ש ו,
דער קין — ווי אויסגעהאַקט פון שטיין.

די פען באַוועגט זיך גיך און גיכער,
עס וואַקסט דער הויפן פון פּאַפּיר.
עס שטוינען אין די שראַנקען ביכער,
עס קוקן בילדער צו פאַרווירט.

מיט איינגעמידטע אויגן גלעט ער
דעם ווייסן אָנגעהויפטן באַרג.
ער שאַרט־אַוועק פון זיך די בלעטער
און קוקט־אַרויס צום גרינעם פּאַרק.

קראָטאָנאַ־פּאַרק ליגט, ווי אַ פּאַווע,
אין שפּעטן זונליכט אויסגעשפּרייט.
עס טוט אַ בלענד זיין שטעטל מלאַווע
אין ערשטן צוק פון יינגל־פרייד.

שאַרמאַנקעס שפּילן, פייגל צוויטשערן,
עס מיניען שאָטנס זיך מיט ליכט —
אים דוכט זיך: ער דערקענט ר׳ איטשע׳ן 1)
אין קאַטערינטשיק׳ס בלאַס געזיכט.

ער קוקט זיך צו, אין שטוין פאַרגליווערט,
און זעט דורך טומל און געשריי:
עס שפּאַנט אין טלית רבֿ עקיבֿא
צו אים אויף פאַרקישער אַליי.

און דורך געקלימפּ פון אויטאָ־רעדער
ער הערט, ווי פריידיק אים באַגריסט
אליהו בחור פון ווענעדיק
מיט ליד פון העלדישן „פּאַריס".

די זון פאַרגייט. אין בין־השמשות
ער זעט אַ לויכטנדיקן סנאָפּ:
די זון וואַרפט שטראַליקע של־ראשן
אויף קאָצקער׳ס זינקנדיקן קאָפּ.

כב. ה. לייוויק

אויף ראַקי־בערג דער שניי ליגט אור־ווייס
און מיניעט זיך אין לילע־בלוי.
די שקיעה ברענט דורך בוימער־שורוועס
מיט רויטע פלאַמעס אויפן שניי.

ביים פענצטער שטייט דער קראַנקער דיכטער
און קוקט מיט בענקשאַפט אויף די בערג:
פאַרביי אים שפּאַנען־דורך געזיכטער
פון זיינע אויסגעטרוימטע ווערק.

---

1) ר׳ איטשע — איינער פון די הויפּט־העלדן אין אַפּאַטאָשו׳ס „פּוילישע וועלדער".

עס שפּאַנט מ ה ר " ל, נאָך אים דער ג ו ל ם
אין ברידערלעכן בונד פון האַק,
ס׳געשטאַלט ט אַ ד ע א ו ש מיטן צלם,
צווי ב ע ט ל ע ר היילקע אין פּראַג.

אין גרינעם מאַנטל שפּאַנט אַ ר מ י ל ו ס,
און הינטער אים — די ל מ ד ־ ו ו אָ ו ו,
ב ן ־ ד ו ד, י אָ ס ע ל ע און ל י ל י ת —
און ליפּן פליסטערן: — „כ י ־ ט ו ב!" —

און ה ב ל ליגט, פון לייב צעפּרעסן,
און ק י ן יעכצט נאָך ברודער־מאָרד —
און איבער זיי — אין בייזן חסד
זיין טאַטע מיט דער רויטער באָרד.

ער קוקט אויף בלענד פון ווייסע ראַקיס,
אויף וועלט אין שנייאיק־בלויען צוויט —
און ס׳יערט אין האַרצן מ מ ע מ ק י ם
אַ לויב־געזאַנג צום יידיש־ליד:

— „אָ, יידיש ליד, פון פרעסט סיבירער
ביז האַרטן איסט־בראָדווייער שטיין
דו פירסט דורך לייד און פרייד מיין שירה
צום ג ו א ל אין אַ דערנער־קרוין" —

אַ קראָליקל מיט רויטע אויגן —
די זון זיך קייקלט באַרג־אַראָפּ.
און ס׳פאַלן שטערן — דימענט־רויגן —
אויף ל י י ו ו י ק ׳ ס ווייס־פאַרשנייטן קאָפּ.

כג. מנחם באָריישאָ

אין שפּעטער שעה, ווען שאָטנס וואַכן
און שטילקייט זשומעט, ווי אַ בין
ביים שמאָלן שרייבטיש זיצט מ נ ח ם
און זוכט אין ליד פון ז י י ן דעם זין.

אַנטקעגן אים — דער „גייער״, נ ח,
אַ דורכגעדרונגענער פון לייד,
איז שטיל מיט אים זיך מתוכח —
און ס'פליסן ביטער זיינע רייד:

— „דו האָסט מיך, דיכטער, אויסגעחלומט
אין היגער שטיינערדיקער וואָר:
צעווישן פעלקער דאָ, אין גלות,
צו זיין שליח פון דיין וואָרט.

— „האָסט מיר געזאָגט: סיי רייך, סיי אָרים,
דאָס וואָרע וואָרט פון גלויבן הערט:
מ ש י ח א י ז ע ב ו ד ה ־ז ר ה,
א י ך ו י ל אַ ת י ק ו ן א ו י ף ד ע ר ערד.

— „בין איך געגאַנגען, דיין שליח,
צו וועלט פון רצח און פון סדום,
נאָר ס'האָט דעם חלף פון מוריה
באַזיגט די שטאַרקע שווערד פון רוים.

— „ס'האָט ניט געהאָלפן מ ש ה ד ע ס ו י ע ר ' ס[1]
אויף אַלטער תורה נייע ראַם:
עס האָט זיין לאַנדסמאַנ'ס „לאַנגע מעסער״
געטויט אַ דריטל פון מיין שטאַם.

— „די וועלט — פון בלוט און מאָרד אַ שפּע,
אַ וואַלד פון תליות און פון העק.
נאַ, נעם צוריק מיך, מיין באַשעפער,
און שיק מיך אויף אַנאַנדער וועג״! —

דער „גייער״ שווייגט. דער טאָג שאַריעט.
מ נ ח ם איבער חדר שפּאַנט:
— „גיי צ'ריק! ס'וועט חלף פון מוריה
רוימ'ס שווערד אַרויסשלאָגן פון האַנט״. —

---

1) דעסויער — משה מענדעלסאָן.

כד. משה־לייב האַלפּערן

עס שטשירן ציין און ס'גרינצן מיילער
אויף „לונאַ פּאַרקס"[1] צעהעלטן סטויפּ.
אין אָוונט־גלי פון קוני־איילענד
אויף ברעטערשפּאַן שטייט מ ש ה ־ ל י י ב.

אַ פּרינץ אין אויסגעפּוצטע בגדים,
נאָר הונגעריק — אַ בלודנער הונט,
ער זינגט דער זאַטער וועלט אַן אָדע,
דער גרויער דיכטער־וואַגאַבונד:

— „דעם כריאַשטש פון הונגעריקע ציינער,
דעם מאָגן ליידיקן אַ לויב.
זאָל ס'ליד מיינס, האַרט ווי קיזלשטיינער
אַ פּאַל־טאָן אויפן הימל־שויב.

— „דער שוטה מאַכט דער וועלט „הנותן",
דער נבזה בלאָזט זיך אויבנאָן —
און זי, די וועלט, שטייט אַלץ אין דרויסן,
און ס'הערשט דער קיניג אויפן טראָן.

— „דער עושר פאָרט אין רייכע קאָטשן,
דער דלות רייסט זיך אויף די ציין —
און איך — דער אָרעם־פּרינץ פון זלאָטשעוו,
פאַרזעצט אין „פּאַון־שאַפּ"[2] האָב מיין קרוין.

— „אָ, לעבן מיינס — נשמה־הוקער,
אָ, אומעט אין לבנה־שיין!
אין טאַצן דזשינדזשע, גאַסן־פּויקער,
זאָל גיסן זיך פון ליד דער וויין!

זאָל פּרעסן „פירערשאַפט — די זונה"
פון זילבער־טעלער גאָלדן ברויט, —
ביזט אייביק אויף נויאָרקער שטיינער,
אָ, ליד מיינס — גינגעלי, מיין פרייד!" —

---

1) „לונאַ־פּאַרק" — פאַרווילונגס־אָרט אין קוני־איילענד.
2) „פּאַון־שאַפּ" — לאָמבאַרד.

כה. המשך

פון פוילנס שפע, ליטעס דלות,
פון וואַרשע, בעלז און קאָלאָמיי —
פאַרפלייצן זינגעוודיקע כוואַליעס
דעם האַרטן שטיין פון א י ס ט ־ ב ר אָ ד ו ו י י:

זיין ליד, ווי יום־טוב'דיקן קידוש,
האָט א ו י ע ר ב אַ ך אַרויסגעשאַלט,
איז ער אַריין אין מ ל כ ו ת ־ י י ד י ש
מיט „לויטער איז דער אַלטער קוואַל".

אויף צווייג פון האַרבסטיק־געלע סמ'ען
געריפּט האָט ב י אַ ל י ס ט אָ צ ק י ' ס ליד:
פון הונגער־לויך, פון „סלאַמס" און שטאַמען,
פון פּוסטן הויז אויף טשערי־סטריט.

געגענט האָט מ י נ ק אָ ו ו דורך „מסעות"
צום היכל פון געגאַרטן לאַנד,
און בייגעקומען חיות־רעות
מיט ניסימ'דיקן וואָרט „ביים ראַנד".

און נ י ס ע נ ז אָ ן אויף היגע סקווערן
האָט אויסגעשפּירט מיט פרייד און גרויל:
„דאָס לעבן וויל אַ מעשה הערן", —
האָט ער די מעשה אונדז דערציילט.

אויף ערד ליפקאַנער אויסגעכאָוועט,
אויף היגע עווענויס צעבליט,
האָט ג ר י נ ב ע ר ג מאָרגן, היינט און עבר
געזוכט באַהעפטן אין זיין ליד.

דורך שפּיל פון אַלף, בית און גימל
אין חן־גריבלעך פון אונדזער שפּראַך
האָט כ ץ „דאָס טעלערל פון הימל"
אויף גרויער ערד אַראָפּגעבראַכט.

כו. א. לעיעלעס

מאַנהעטן־נאַכט איז פול מיט רצון,
מיט שטערן שוואַנגער און מיט ווינט.
אין טיפן רעיון שפּאַנט ביים האָדסאָן
דער בלאָנדער דיכטער פ אַ ב י ו ס ל י נ ד.(1

ער האָט דער ערשטער פון פּאָעטן
אין שטאָלצע לידער אויסגעשאָלט:
ווירילע שפּיצן פון מאַנהעטן
אין וואונדערלעכן מאַן־געשטאַלט.

אין פרייד פון ראָנדאָס און אָקטאַוון
האָט ער געפּראַוועט ווערטער־פּעסט, —
האָט אויסגעשפּרייט זיך, ווי אַ פּאַווע,
זיין יידיש ליד, זיין יידיש־נס.

ער האָט געשליפן, ווי אַ דימענט,
דעם יאַמב און דאַקטיל און כאָריי —
און ס׳האָט געצאָלט פאַר ליד און הימען
מיט שפּאָט און ביטול א י ס ט ־ ב ר אָ ד ו ו י י.

פּאָראויס זיך וויגן, ווי צוויי שאָלכלעך,
געהעפטע פליגלען פון אַ בריק:
אַהינטער אים שטייט „שלמה מולכו",
וואָס האָט אין פיין געפונען גליק.

די שטערן מיניען זיך און פלעמלען
מיט גאַסן־ליכטער אין געוועט:
אַהינטער אים שטייט „אָשר לעמלען",
מאַרטירער, פויערשער פּראָפעט.

ער זעט: אַ לעבעדיקער פאַקל —
עס ברענט אַ ייד אינמיטן ים.
און רואיק קוקט אויף דעם ספּעקטאַקל
די וועלט פון נבזה און פון כאַם.

---

1) פּאַביוס לינד — דער נאָמען פון א. לעיעלעס׳עס אַ בוך לידער און דער העלד פון אַ צאָל אַנדערע לידער זיינע.

מאַנהעטן־נאַכט הערט־צו פאַר׳חידושט,
ווי פ אַ ב י ו ס ל י נ ד וואַרפט וועלט זיין פערז:
— „ביז ייד וועט אומקומען, קאָן י י ד י ש
נאָך אויפרייסן דעם אוניווערז!״ —

כז. יעקב גלאַטשטיין

די נאַכט איז גרויל, די נאַכט איז שווידער,
אַ שוואַרצע פלעדערמויז — די נאַכט.
ביי שפּעטער דיכטערשער עבודה
זיצט ג ל אַ ט ש ט י י ן אומרואיק און וואַך.

ער רעדט צום שאָטן פון זיין נ ת ן,
ווי ס׳האָט דער ב ר אַ צ ל אַ ו ו ע ר אַמאָל
אין שפּעטע חשוונדיקע חצותן
גערעדט מיט ווייטיק אין זיין קול:

— „עס זיצט אַ פאָלק אַ מאַסן־שבעה
נאָך זעקס־מיליאָנעדיקן מת,
איז לאָמיר, נ ת ן, זיך דערביוועזן:
פאַרוואָס איז ניט געשען דער נס?

— „ס׳איז ווידער בראשית, ווידער תוהו,
ס׳איז ווידער פּוסט און וויסט און תל.
נישט ד ו, נאָך א י ך פאַרהאַק דעם טויער,
דו, גרויסע, שטינקנדיקע וועלט!

— „אַ חרם, וועלט, אויף דיינע געטער,
אויף דיין פאַר׳זונה׳טער מאָראַל.
שרייב, נ ת ן: כ׳גיין צוריק אין געטאָ,
צוריק צום אַלטן זיסן קוואַל.

— „צוריק צום מחזור און צום סידור,
צו עברי־טייטש, צום חוב און דין,
צוריק צו שטראַלנדיקע יידן
אויף גאַס־און־געסלעך פון ל ו ב ל י ן.

— „צוריק צו משנה, סוגיות האַרבע,
צו קלאָרער פשטות פון תנ"ך,
צו שמות הייליקע, צו סוואַרבע,
שרייב, נ ת ן, שרייב: — „אַ גוטע נאַכט!" —

כח. י. י. סיגאל

אַן אייניקל פון ש פּ אָ ל ע ר ז יי ד ן,
פון אָרעם לעבן חרוב־מיד,
זיצט ס י ג אַ ל שפּעט ביי דער עבודה
און רעדט צום בעטלערל — זיין ליד:

— „די גוטע ערד היילט־אויס די מידע
און היילט די אומעטיקע אויך.
דער שטומער צער פון פּראָסטע יידן,
ווי כתר־שיין, אין הימל לויכט.

— „די ליכטיקייט פון ברויט אַ לאַבן,
אַ ליכטיקייט, וואָס איז אַ ליד,
צעשטראַלט זיך קעגן מלכה־ש ב ת,
וואָס זינגט־אַריין מיט ווייסע טריט." —

ער קוקט אויף לויכטנדיקן צלם,
וואָס טראָציקט זיך אויף שפּיץ פון באַרג:
— „די ערד געהערט צו די ערלים,
און סאיז דער הימל אויך זיי קאַרג.

— „נאָר גלויב: ס'וועט מיד־ווערן דער רשע,
באַזעצן זיך אין צדיקס הויז,
פון אונדזער ריינעם מאַמע־לשון
זיך אויסלערנען דעם אַלעפבייס.

— „מיט אונדז צוזאַמען ווידער גלויבן
אין יושר, רחמים און אין פריד,
מיט אונדז צוזאַמען אייביק לויבן
דיך — אָרעם בעטלערל — מיין ליד!" —

כט. מלך ראַוויטש

עס שווימט אַ שיף אויף זיבן ים'ען
און לאַנדעט קיינמאָל ביי קיין ברעג.
עס טרייסלען וועלטן ליקוי־חמה'ס,
פלאַנעטן ציטערן פון שרעק.

נאָר איר, דער שיף, איז אָנגעצייכנט
צו זעגלען יאָרן נאָכאַנאַנד
און צווישן ים און ים ניט גרייכן
דעם טרוים פון אויסגעבענקטן לאַנד.

די שקיעה שפרייט זיך, ווי אַ פּאַווע
מיט רעגנבויגנדיקן עק.
אויף סקאָסן דעק שטייט מ ל ך ר אַ ו ו י ט ש,
אַ בינטל לידער — זיין פאַרמעג.

באַבערדלט, ווי אַ פירשט פון אַשור,
ער קוקט אין קאָכיקן מאַסיוו
וואו וואַסער־לייבן, צייניק, רעשיק
זיך בייסן־איין אין באָרט פון שיף.

וואָס זיינען אים מערידיאַנען?
פון קאָנטינענט צו קאָנטינענט
אין אַלע בלויע אָקעאַנען
האָט ער געוואַשן זיינע הענט.

פון פוילנלאַנד ביז שטעט קאַנאַדער
פון מעלבורן ביז יוניאָן־סקווער, —
פון יידיש־ליד דער אַמבאַסאַדאָר,
האָט ער אַדורכגעקרייצט די ערד.

ער שפּיזט די ווייט מיט אויגן מידע
אין לעצטן שטורמישן געיעג
און זוכט דעם וואונדער — מ ל כ ו ת ־ י י ד י ש,
וואָס ליגט ביים רעגנבויגן־עק.

ל. איציק מאַנגער

אין דרויסן גיסט אַ קאַלטע זליווע,1)
אין שענק איז וואַרעם, ווי אין באָד.
ביי טישלעך שטאַרן געסט פאַרגליווערט,
ווי גרויע שאָטנס — שיכור־לוט.

פאַרווירט פון הייזעריקע קלאַנגען, —
אין האַרצן — שלאַנגען פון פאַרדראָס, —
דער יאָסער דיכטער א י צ י ק מ אַ נ ג ע ר
זיצט בגילופין איבער כוס.

און פלוצים זעט ער: ס'ווייזט דער שענקער
צו אים מיט אויסגעשטרעקטער האַנט.
און צו זיין טישל איבער בענקלעך
אַ מאַן אַ יוסטער האַסטיק שפּאַנט.

צילינדער זיצט אויף הויכן שטערן,
אין אויגן — שיכורלעכער גלאַנץ.
ער דריקט די האַנט אים: — „כ'האָב די ערע!
יאַ, וועלוול זבאַרזשער — ערענקראַנץ!

— „וואָס שטומסטו, א י צ י ק, ווי אַ שלייען,
און טרויערסט, ווי אַ לעקיש־בער?
דו גיב דיין ליד אַ טראָפּן יין,
און זע פאַרהיט עס פון אַ טרער.

— „און זאָל עס בילן, ס'באַלעבעסל,
ס'האָט תמיד אָט־דער מין געבילט,
ווען ס'האָט אַ דיכטער די מעסלעסן
צעווישן וויין און ליד פאַרשפּילט".

אין פוסטע גלעזער זשומען פליגן
דעם סוד פון אָפּגערוישטער נאַכט.
און מ אַ נ ג ע ר זעט: אין קרומען שפּיגל
זיין אייגן פּנים וויינט און לאַכט.

---

1) זליווע — אַ רעגן.

לא. יידישע דיכטערינס

אָ, יידיש־ליד — אין בלויע הייכן
אַ פּאַווע גאָלדענע, וואָס בלענדט
מיט אַלע פאַרבן פון פּרוכת,
געוועבט פון מאַמעדיקע הענט.

ס׳האָט ר ו י ז ל פ י ש ל ס דיך געסילעט,
ווי פּערל אויף אַ שנור פון זייד,
און ט ו י ב ה פ אַ ן האָט דיך גע׳תּפילה׳עט
מיט זיבן חנ׳ען פון איר צייט.

אָ, יידיש ליד, אָ זיסע כּלה,
ס׳האָט דיך געזונגען פ ר אַ ד ל ש ט אָ ק ,
ווי ס׳קליינע פאַסטעכל פון סקאַלע
אויף זיין פאַרצוקטער סטאַדע קלאָגט.

באַהויכט דאָס שפּיל פון „ציר־קוס־דאַמע״
האָט צ י ל י ע ד ר אַ פּ ק י נ ס „הייסער ווינט״:
מיט ליד — ווי תּאווה־גרינע סמ׳ען,
מיט ליד — ווי קילער שאָרך פון שפּין.

מיט פינגער, פריצה׳דיק געכאָליעט,
מיט קילער מייסטערשאַפט, געניט,
האָט אַ נ אַ ל ע ב נ ס ב ו י ם ־ מ אַ ר ג אָ ל י ן
אויף דינסטער פלייט געשפּילט איר ליד.

און ק אַ ד י ע — דיכטערין פון „דזשיקע״ —
מיט לידער — צאַרט, ווי מאַמע׳ס חן,
געבויט האָט רעגנבויגן־בריקן
צום גרויען „לאַנד פון מיין געביין״.

און אָנגעזאַפּט מיט גרינע פלאַמען,
מיט טריפנדיקן פרילינג־סאָק,
געריפּט מיט ליבשאַפט פון אַ מאַמען
ש ו מ י אַ ט ש ע ר ׳ ס ליד פון „אַלע טאָג״.

לב. ליכט פון גאולה

און איידער אַלטע וועלט פאַרשלונגען
האָט שפּאַן פון ברויזנדיקער צייט,
געקומען זיינען הייסע יונגען
פון קריג, אַקאָפּעס און פון שטרייט.

מיט ליכט פון גאולה אין די אויגן,
מיט הערצער — שטאָליק־הייסער גוס —
און ס'האָט זיי י י ד י ש אָנגעזויגן
פון מילך־און־האָניקדיקער ברוסט.

צווערשט — דער יונגער א ש ר ש וו אַ ר צ מ אַ ן
מיט בלוט, ווי ברויזנדיקער וויין,
מיט ביקס אין האַנט, מיט ליד אין הארצן
געפאַלן איז אין שטרייט מיט פיינט.

פּאָעט פון יידישער אוקראַינע,
האָט ד ו ד ה אָ פ ש ט י י ן אויפגעשיינט,
געבראַכט דעם טעם פון אַלטע ווייגען
אין לאָגלען „פרייד פון נייעם זיין".

דעם זיג פון רויטאַרמייער פּאָלקן
מיט באָרוועסע, צעברויזטע טריט,
די פרייד פון יונגע קאָמסאָמאָלקעס
באַזונגען פ ע פ ע ר האָט אין ליד.

פון אַלטער וועלט די ווייסע בלאָטערס
געעפנט האָט דער נייער דור,
האָט כ אַ ר י ק אין די „מינסקער בלאָטעס"
באַזונגען „ביינערדיקע וואָר".

פון טעג אין ברויזיקער „כאַליאַסטרע",
פון נעכט אין ווילדן „פוסט־און־פּאַס"
געצויגן מ אַ ר ק י ש האָט זיין מאַסטבוים
צום לאַנד פון אויפגעוואַכטן קלאַס.

נאָר ס׳האָט פאַרביטן דער „דערלייזער״
גאולה־ליכט אויף שאַנד און שפּאָט,
דעם גלויבן לויטערן — אויף חוזק,
דעם טרוים — אויף תליה און שאַפּאָט.

לג. משה קולבאַק

דער שניי ליגט בלוילעך־ווייס, ווי צוקער,
און סקריפּעט אונטער שומר׳ס פּיס.
פון בראָנפן־פראָסט דער דרויסן שלוקערצט
און שמייסט אין פּנים, ווי אַ כליסט.

פון שומר׳ס ליפּן יאָגט אַ פּאַרע
און ראָלט אין קרייזן זיך און ראָלט.
אין איינזאַם־צעל אויף תפיסה־נאַרע
ליגט קראַנקער „דיסנער טשאַילד־העראָלד״. 1)

דאָס פּנים גרוי, פון לייד צעאַקערט,
אויף שטערן — שאַרפער קאַרבן־קריץ.
אין געלע אַפּלען פלאַקערט, פלאַקערט
אַ גרינער וואַנזיניקער בליץ.

ער ליגט און ציילט אויף פינגער שאָרסטקע,
דער קאָפּ — אין פיבערדיקן שווייס:
— „צעווישן ווילנע, מינסק און מאָסקווע
פאַרגעסן כ׳האָב דעם אַלעפבייס.

— „עס טאַנצט אַרום די שיינע אַ ל ף
און זוכט די ת י ו אין טויטן־גרוב.
עס יאָגט אַ האַלדז זיך נאָך אַ חלף
און ס׳לויפט אַ קאָפּ נאָך תליה־קנופּ.

— „ס׳יאָגט ב ו י ט ר ע ־ ג ז ל ן, 2) ווי אַ דולער,
און זוכט דעם יושר אויף דער וועלט.
און ב ע ר ע ן 3) האָט די מלכה־ ג א ו ל ה
דערשטיקט אין ביליקן באָרדעל.

1, 2, 3) העלדן פון קולבאַק׳ס ביכער

— „און בוניע ביק[1] — דער מלך אייכל —
געקוילעט הענגט שוין אויף אַ טשוואָק —
און איבער זיי אין פאַלשקייט שמייכלט
דער קורצער מאַן אין לאַנגן ראָק.

— „אָ, גאָט פון אייביקע חומשים,
באַווייז אַ נס, אַז נאָך מיין סוף
אויף זיסער שויס פון מאַמע־לשון
געפינען אַלף זאָל די תיו." —

לד. דוד בערגעלסאָן

די מאָסקווער נאַכט איז פול מיט בגידה,
מיט לאַנגע שאָטנס פון פאַרשווער.
ביים שרייבטיש בערגלסאָן אַ מידער
ביז חצות זיך קעגן דרימל ווערט.

דער פראָסט אויזאָרן מאָלט אויף שויבן,
ווי אויסגעפורעמטע סקולפּטור.
עס לעבן־אויף פאַר אים: „דער טויבער",
„אַרום וואָקזאַל" און „יוסף שור".

ער קוקט מיט פּיין אויף זיין עשירות,
וואָס פראָסטיק מיניעט זיך אויף שויב:
זיין העלדין ליכטיקע, זיין מירל,
די אַלטע יידענע פון „דרויב".

און איבער אַלע ליכט, וואָס ברענען,
ווי יאָרצייטן פון וויטער וואָר,
אויף שויב־געמעלן טורעמט „פענעק",
דער קרוין־העלד פון זיין גאַנצן דור.

האָט ער זיי אַלע אויסגעפאָרעמט,
געגעבן בלוט זיי פון זיין בלוט ?
איצט ליגן זיי אין ברידער־קברים,
פאַרפייניקט אונטער נאַצי־רוט.

---

1) העלד פון קולבאַק'ס בוך.

און ער — דער פורעמער פון שטעטל,
דער גרויסמייסטער פון יידיש־וואָרט,
וואָס האָט פאַר זיך דען אויסגעבעטלט
אַחוץ אַ שטיל און רואיק אָרט ?

אַ רואיק אָרט ? אין מידע אויגן
גייט־אויף פון שמייכל בלאַסער שפור :
ער וואָלט די יאָרן שוין דערצויגן,
נאָר ס׳בייט זיך אָפט די קאָניונקטור...

ער ציטערט־אויף. אויף קרומע שטיגן
עס קלאַפּט באַפּעלערישע האַנט...
ער רוקט אַראָפּ פון טיר דעם ריגל —
ער האָט געוואַרט אויף דעם שוין לאַנג...

לה. משה נאַדיר

אַ טאָג אין וואודסטאָק 1) אָנהייב יוני,
צעגרינט פון שבועות׳דיקן בעז.
אויף טונקל גאָלד פון פידל־סטרונעס
די בויגנס שפּילן זומער־נס.

אויף גאַניק ליגט דער קראַנקער נ אַ ד י ר
און קוקט מיט לעשנדיקן בליק,
ווי ס׳ציען וואָלקנס — ווייסע סטאַדעס —
און ווערן פון דעם ווינט צעפליקט :

— „פאַרראַטן האָבן פויסט־און־פאַנען,
גאולה־ווייזערס אָפּגעשטעלט.
עס לאָבט זיך גואל מיט תלינים,
און ס׳קושט זיך נבזה מיט רעבעל.

— „עס האָבן אָפּגענאַרט באַפרייער
מיט פאַלשן בעז און פאַלשן מאַי.
בלויז דו, מיין קרוינשטאָט, מיין נ אַ ר אַ י ע ו ו,
וועסט ביזן סוף מיר בלייבן טריי.

1) וואודסטאָק — אַרטיסטן־קאָלאָניע לעבן נויאָרק, וואו משה נאַדיר איז געשטאָרבן.

— „אַ, שטאָט פון קאַרשן און מאַרעלן,
פון שבת־אויבס און ווינער וואַלץ,
וואו יידיש לויכט, ווי רויטע קרעלן
אויף מאַמע׳ס פּריצה׳דיקן האַלדז.״ —

ער הויבט זיך אויף. די זון פאַרבלענדט אים.
ער הערט דעם שאָרך פון צאַרטע טריט:
— „נאַראַיעוו — דו, קומסט נענטער, נענטער...
שמע ישראל — דער סוף פון ליד!״ —

לז. ל. פיינבערג

אין ענגער קאַמער שעה׳ן רינען.
אויף ביכער־שראַנקען שטילקייט בליט.
ביים ברוינעם שרייבטיש ביז באַגינען
זיצט פיינבערג איבער חצות פון ליד.

זיין דמיון שווימט צו קלאָרע ברעגן,
פון מידע ברעמען ווייכט דער שלאָף.
וואַקסט־אויס פאַר אים זיין „אַלטער עגאָ״,
דער דיכטער לעאָניד גרעבניאָוו:[1]

— „האָסט מיט דיין העלדן־דור געחלומט
אַ חלום וועגן ברודערשאַפט:
צו בויען ס׳לאַנד פון אייביק־שלום,
וואו ס׳וועט ניט זיין קיין האַר און שקלאַף.

— „איצט ליגט דיין העלדן־דור אַנטוואָפנט,
געשענדט, פאַרפייניקט און פאַר׳סמט —
און דו פון שלאַכטהויז ביזט אַנטלאָפן
דיין ליד באַהעפטן מיט דיין שטאַם.״

עס שווייגט גרעבניאָוו. אין ענגער קאַמער
קלינגט פיינבערג׳ס ענטפער אין באַגין:
— „ווי יעקב לבן הארמי׳ן,
האָב איך אַ פרעמדן גאָט געדינט.

[1] לעאָניד גרעבניאָוו — ל. פיינבערג׳ס רוסישער פּען־נאָמען.

— „כ'האָב פערצן יאָר אַ טרוים געכאָוועט,
פאַר ר ח ל ׳ ס ליבשאַפט אָפּגעשקלאַפט,
נאָר ס'האָט גענאַרט מיך ר ו י ט ע ר ל ב ן
מיט בלענד פון בלינדער ל אָ ה ׳ ש אַ פ ט.

— „האָב איך צעשטערט די ווענט פון תפיסה
און בין אַוועק פון ל ב נ ׳ ס היים,
ווייל ס'ברויט פון י י ד י ש איז מיר זיסער
פון ל ב נ ׳ ס פאַלשן לעקעך־טרוים.

— „זאָל זיין מיין לעבן וועט פאַרלענדן
מיין חבר נעכטיקער אין קאַמף, —
איך גלויב: ס'וועט בלייבן אַ לעגענדע —
מיין ליד אויף ליפּן פון מיין שטאַם.״ —

לז. רוף צום ווידערשטאַנד

וואו זייט איר, גאונישע מושלמים,
פון פידלען, מייסטער און פון באַס,
צו שפּילן ס'ליד אונדז פון נקמה,
די גרויס־סימפאָניע פון האַס?

ווען פייער־חורבן האָט פאַרזונקען
דורך רויך, דורך גאַזן און דורך פלאַם
אין אויוונס, קאַמערן און בונקערס
אַ דריט־חלק פון אונדזער שטאַם, —

פון אונטערערד אין ו ו אַ ר ש ע ־ געטאָ,
מיט ביקס אין בלוטנדיקער האַנט,
האָט ס'ליד פון יידישע פּאָעטן
געשאַלט דעם רוף צו ווידערשטאַנד.

אין ווילדן וואַלד, אין טיפע ליאַכן 1)
געקעמפט האָט דיכטער־פּאַרטיזאַן:
אויף ליפּן — לידער פון נצחון,
אין האַנט — אַ זיכערער נאַגאַן.

1) ליאַכן — טיפע קעלערן.

מיט הונגער־טויט אין די געדערים,
מיט וואָרט, דערוואָרגענעם אין קעל,
געשפּיגן האָט ישראל שטערן
אין נבזה־פּרצוף פון דער וועלט.

געשאָלט אַנטקעגן נאַצי־רצח
האָט הירשקע גליק׳ס: „מיר זענען דאָ!
ניט זאָג, דו גייסט דעם וועג דעם לעצטן —
ס׳וועט קומען אויסגעבענקטע שעה!״ —

אויף גרויל־שוועל פון טויט־פאַבריקן
אין קדושים־דיכטער׳ס לעצטע טריט,
האָט שונא ניט געקאָנט דערשטיקן
דעם נצח־קלאַנג פון יידיש־ליד.

לח. יצחק קאַצענעלסאָן

די נאַכט איז שאַרף, ווי בליץ פון רעלסן,
די וועלט — אַ הויפן וויסט און תל.
דער דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן
שרייבט ס׳לעצטע ליד זיינס אין וויטעל:1)

— „אַ, נעם אין האַנט די אַלטע האַרפע
און טו אַ קלונג אויף סטרונעס שווער,
און זינג דאָס ליד פון פאָלק פאַר׳שרפ׳עטס,
פון לעצטע יידן אויף דער ערד.

— „פאַרברענט שוין וויב און קינד און טאַטע —
מע שלעפט משפחות׳ווייז אין פלאַם.
דער אויוון פרעסט און ווערט ניט זאַטער,
זינג ס׳ליד אונדז פון פאַרקוילטן שטאַם!

— „אַ, נעם אין האַנט די קאַטערינקע
און שפיל מיר אויף דעם לעצטן מאַרש,
און זינג די שאַנד אונדז פון טרעבלינקע,
די חרפה פון מאַידאַנעק־אַש.

1) וויטעל — קאָנצענטראַציע־לאַגער אין פראַנקרייך, וואו דער קדוש־דיכטער קאַצענעלסאָן האָט געשריבן זיין באַרימט בוך „דאָס ליד פון אויסגעהרגטן יידישן פאָלק״ איידער ער איז אומגעקומען.

— „אָ, קום, מיין פאָלק, פון זומפּ און בלאָטע,
פון גריבער־טיף, פון מיילן־לאַנג,
און זאַמל־איין די צוועלעף שבטים —
און זינג פון טויט זיי אַ געזאַנג.

— „אָ, קום צוגיין פון אַלע חורבות,
פון קופּעס אַש, פון שטיקלעך זייף —
און זינג אַ מ ז מ ו ר ש י ר ל ח ו ר ב ן,
אַ ה ו ד ו ל ד ו ש ם כ י ט ו ב!

— „פון קברים, וואו די ביינער רוישן,
הויב־אויף דיין פרי־פאַרשניטן קול:
אויף מאַמע־לשון — ל ש ו ן ק ד ו ש י ם —
שריי, אויסגעהרג׳עט י י ד י ש פ אָ ל ק!

— „און גלויב: פאַרגיין וועט טאַט פון מערדער,
זיין מיאוסער נאָמען אויפן שטיין,
נאָר ביזן סוף פון אַלע ערדן
וועט י י ד י ש קיינמאָל ניט פאַרגיין.״ —

לט. חיים גראַדע

אויף מזרח־וועגן שפּאַנען פּליטים
אויף רו צום ווייטן אַשכאַבאַד.
אין ערפורכט בויגן זיך די קווייטן
פאַר זין פון גרויסן נע־ונד.

פון ווייסל, ניעמאַן און פון נאַרעוו,
פון בוג, פון דניעסטער און פון דניעפּ
זיי ציען — בלוט־באַזוימטע כמאַרעס
אין גאָלד פון קאַזאַכסטאַנער סטעפּ.

אין פּליטים־קאָן שפּאַנט ח י י ם ג ר אַ ד ע,
געזאַנג פון יידיש — זיין פאַרמעג.
און מיט די ווינטן זאָגט ער קדיש
נאָך די געפאַלענע אין וועג.

די ליפּן—בלייך, די באַקן—פלאַמען,
די אויגן שרעקעוודיג און קלאָר—
אים לויכט ס׳געשטאַלט פון גרויער מאַמען
און וועקט אין אים דעם נביא׳ס וואָרט:

— „אָ, ברידער — ליכטיקער שארית
פון אַלטן פאָלק, פאַרצערט אין פלאַם,
איך זינג מיט אייך ס׳געוויין פון דורות,
ס׳געזאַנג פון אויסדערוויילטן שטאַם.

— „די היים פאַרברענט איז און פאַרזונקען,
דאָס פאָלק צעזייט אין וואַנדערוואַנד,
נאָר אונטער אַש נאָך טליען פונקען,
וואָס וועלן אויפבלאָזן אַ בראַנד.

— „און קומען וועט אַ נייער נביא
מיט יידיש־וואָרט, וואָס הערצער צינדט,
און דורכגיין טויטן־טאָל פון ע ב ר
מיט ליד, ווי הייסער מדבר־ווינט.

— „ער וועט באַלעבן טויטע ביינער
אין אויסגעבענקטער תחיה־שעה,
און ענטפערן אויף אַלע „ניינען״
מיט קול־תרועה׳דיקן „יאָ״.

מ. רחל קאָרן

אַ ענגע שטוב אויף צווייטן גאָרן
ביים אָנהייב האַרבסט אין מ אָ נ ט ר ע אַ ל.
איך זיץ און שמועס מיט ר ח ל ק אָ ר ן,
די ווערטער — טריפנדיקע גאַל.

זי רעדט פון לאַנגע יאָרן וואַנדער,
פון וויסטע נע־ונד׳נע טעג:
ווי פליגל, וויקלט זיך פאַנאַנדער
איר אויסגעפיינטער מאַרטער־וועג.

און פאַר די אויגן ווייען, ווייען
אין לייכטן פאַך פון אירע הענט:
די ווייסע נעכט מיט מאָסקווער שנייען,
די בלויע סטעפּעס ביי טאַשקענט.

איך זע זי איבער פעלדער וואָגלען
מיט פיס מיט באָרוועסע אויף שניי —
און ווערטער האָגלען, האָגלען, האָגלען
מיט צער, מיט עלנט און מיט וויי.

עס שפּאַרן זיך צום האַלדז די טרערן,
ווען רחל רעדט פון וואַנדערוואַנד,
וואו הימלאָז שטומען אַלע שטערן
אין שויס פון ווייסן טויטנלאַנד.

דאָס האַרץ ווערט פול מיט צער צעברויזטן —
אַ קרוג שוימיקער מיט גרויל.
און לאַנגזאַם טייט די העלסטע טרייסטן
איר צוק פון ווייטיקדיקן מויל.

נאָר פּלוצים הויבט זי אָן צו לייענען
אַ ליד, ווי פרישער קאַרשנבליט —
און ס׳פּלאַטערט־אויף מיט זיבן חנ׳ען
איר כתונת־פּסים׳דיקע ליד.

ווי זאַפּטיק טריפט איר מאַמע־לשון —
אַ קוואַל אין שטן — טיף און קלאָר.
און ס׳לעשט זיך האַרבסטיק בין־השמשות
אויף אירע גרויענדיקע האָר.

מא. אברהם רייזען

נויאָרק. ס׳איז ניינצן־אַכט־און־פערציק.
אַ זיצונג פון קולטור־קאָנגרעס.
עס גליען אויגן, ס׳ובלען הערצער.
אַ ים פון שרייבער און פון געסט.

אַ ב ר ה ם ר י י ז ע ן אויף דער בינע
באַטראַכט דעם אויסגעצירטן זאַל.
דער עולם זשומעט, ווי די בינען,
און יעדער פּנים זינגט און שטראַלט.

ער קוקט אַרונטער פון עסטראַדע:
— „ווי ווייט דער אָרעמער „זשאַרגאָן"
פון עלצטן — מיר, ביז יינגסטן — ג ר אַ ד ע,
האָט גבורה'דיק אַ שפּאַן־געטאָן!

— „האָב איך אַמאָל אַזוינס געחלומט,
ווען כ'האָב געשריבן ס'ערשטע ליד,
אַז אונדזער אָרעמע התחלה
וועט ברענגען אַזאַ רייכן שניט?

— „פון גרויע קוידאַנעווער שוועלן
צעלויכטן האָט זיך אונדזער פונק,
איז זיס געוועזן, ווי קלאָרער סטעלניק,
דאָס יידיש־ליד אויף אונדזער צונג.

— „אין שטיבער אָרעמע און לערע
ביים קלויזניק, נייטאָרין און שמיד
מיר האָבן אויסגעקושט די טרערן
מיט מילך־און־האָניקדיקן ליד.

— „און איצט, קיין עין־הרע, אַזאַ שפע,
אַזאַ געבענטשטער יובל־טאָג:
פון ווילנע, בראָנזוויל ביז קיין חיפה
בליט י י ד י ש, ווי אַ מאַנדלשטאָק.

עס קוקט אויף עולם יונגער ר י י ז ע ן,
די הענט אין קעשענעס פאַרשטעקט:
— „איז הוליעט מער ניט, וויבנטן בייזע,
ס'איז אייער צייט שוין לאַנג אַוועק!" —

מב. אַנטקעגן רשעות

אָ, מאַמע־יידיש, שפּראַך פון שפּראַכן,
געשטרייט האָט נאָמענלאָזער העלד
מיט דיינס אַ וואָרט אויף ליפּן שוואַכע
אַנטקעגן רשעות פון דער וועלט.

ווער האָט דיין גוטסקייט ניט גענאָסן,
ווער האָט דיין מתיקות ניט גענאַשט —
דערנאָך מיט אומפלייט דיך באַגאָסן
און אויסגעוואַלגערט דיך אין אַש ?

ביי יעדן כאַם, ביי יעדן נבזה,
ביי יעדן כמו־אינטעליגענט
געווען ביזט הפקר, ווי אַ שטיף־זון —
אין שטיפמאַמע׳ס צערייצטע הענט.

ווער האָט אויף דיר קיין מום געפונען
אין הויז פון אָפּגעפּרעמדטן גביר ?
ווער האָט דיר ס׳לעבן ניט פאַרגונען,
דאָס בעטלער־ברויט ביי רייכער טיר ?

ווער האָט ניט אויסגעזויגן ס׳חיות
פון דיינע וואָרצלען, פון דיין שטאַם —
דערנאָך דיין ליכטיקייט פאַר׳מיאוסט,
באַשפּיגן דיך מיט גאַל און סם ?

ווער האָט דען ניט פון דיינע קלומקעס
גערויבט דעם גאונישן געדאַנק —
דערנאָך געסטראַשעט דיר מיט אומקום,
מיט בייזע וועלף פון אונטערגאַנג ?

און דו ? אויף רשעות׳דיקע ערדן
געוואַרט גערולדיק דור נאָך דור,
ביז האָסט באַזיגט די שאַרפסטע שווערדן
מיט כח פון גערעכטן וואָרט.

מג. דער נס פון יידיש ליד

אין יעדן דור האָט אַ רוצח
פאַרמאָסטן איבער דיר זיין שווערד,
נאָר ס'איז נישטאָ אַזאַ מין כח
דיך צו פאַרשניידן פון דער ערד.

ס'איז גאָר ניטאָ אַזאַ סכנה,
וואָס זאָל צעשטערן דיין געצעלט.
עס ווייען אַלץ נאָך דיינע פאָנען
אויף אַלע מאַסטן פון דער וועלט.

איז וואַרט, איר — פינצטערע באַגרעבער!
ווי ס'גלויבט אין גאָט אַ פרומער ייד,
איך גלויב אין נס פון יידיש לעבן,
איך גלויב אין נס פון יידיש ליד.

וואַרט־צו, איר — פאַלשזעער־נביאים,
און איר — ניט־גלויביקע אין נס:
צו־פרי, צו־פרי נאָך רייסן קריעה,
זיך זעצן שבעה נאָכן „מת"!

הערט־אויף, איר — קלאָגער און קברנים
צו פרייען זיך מיט שאָדנפרייד,
זעט: אויף צעפיקעניש די שונאים
איז יידיש שטאַרבן נאָך נישט גרייט.

איז וואַרט מיט דענקמעלער פון בראָנדזע,
האַלט־צ'ריק די מאַילן פון אַרכיוו:
אויב יידיש זאָל פאַרגיין אין ב ר אָ נ ז ו ו י ל,
וועט'ס אויפבליען אין ת ל - אָ ב י ב!

אין פלאַם פון קדושים־בלוט געלייטערט,
ווי ים און ערד, ווי באַרג און שטיין,
אין אַלע דורות, אַלע צייטן
וועט יידיש קיינמאָל ניט פאַרגיין.

מד. אברהם סוצקעווער

די פעלדזן ליגן, ווי פֿאַנטערעס
מיט טויטע שטשירנדיקע ציין.
ביים ברעג פון בלויען ים־כנרת
שטייט יונגער ס ו צ ק ע ו ו ע ר אין שטוין:

אַהינטער אים — די ווילנער געטאָ
מיט גאון זילבערנעם אויף וואַנט.
דערנאָך די נסימדיקע רעטונג
אַהער אין אויסגעבענקטן לאַנד.

און דאָ, אין לאַנד איז מעשה־בראשית:
מע קעמפט, מע אַקערט און מע בויט.
אַזויפיל זון, אַזויפיל בלוי־שיין,
אַזויפיל האָרעפּאַשנע פרייד.

ער קוקט אין שטראַלנדיקן חידוש
אויף גרינעם, בליענדיקן טאָל —
און יינגסטער זון פון שבט־יידיש
הויבט־אויף מיט פרייד־געזאַנג זיין קול:

— „האָסטו אַהער געבראַכט מיך, פאָטער,
דעם לעצטן פונק פון גרויסן פלאַם:
אויפסניי פאַראיינען ביידע שבטים
און אויסשמידן פון זיי איין שטאַם?

— „און דאָ, אין אויסגעבענקטן א ר ץ,
האָסטו דעם יינגסטן — מיר — באַשערט:
די קייט די גאָלדענע פון פּ ר ץ
צו שמידן אויף דער נייער ערד?” —

און ס'ענטפערט אים דער ים פון גליל,
און ס'קול זיינס קלינגט מיט דורות־צער:
— „אָ, יינגסטער זון פון אַלטן גלות,
אויף היגע צווייגן הענג דיין האַרף.

— „און שווער ביים קלענסטן וואַרשע־געסל,
ביים לעצטן געטאָ־ווידערשטאַנד:
אויב איך וועל, גלות, דיך פאַרגעסן,
זאָל דאַרן מיר די רעכטע האַנט.

— „זאָל צוקלעפּן מיין צונג צום גומען,
אויב כ׳וועל דיך ניט געדענקען מער:
דו — קרוין פון מיין געפּלאָגטער אומה,
מיין יידיש ליד — מיין לעצטע טרער!״ —

מה. עברית

אָ, שפּראַך פון עמוס און י ש ע י ה,
אָ, לשון פון תנ״ך — ע ב ר י ת:
ווי שוואַרצן פלאַם אויף ווייסן פּייער,
האָט גאָט אַליין דיך אויסגעשמידט.

יאָרטויזנטער נאָך גלות־בבל,
אין ספרד, אַשכנז און רוים,
האָסטו געוואַנדערט, ווי אַן אָבל,
און ניט געפונען זיך קיין היים.

דערנאָך געקומען מיטלאַלטער
איז מיט מגפות און מיט קריג
און דיך מיט האַנט, מיט אייזיק־קאַלטער
אין זיינע אָרעמס שיער דערשטיקט.

ווער ווייס, אין וועלכע מדבר־זאַמדן
עס וואָלט פאַרזונקען דיין געביין,
ווען ס׳וואָלט דער חריף און דער למדן
דיך ניט געשאַרפט אויף זיינע ציין.

דורך טאַטנ׳ס ש״ס, דורך זיידנ׳ס קידוש,
דורך מאַמע׳ס תחינה׳דיקן ליד
דאָס גאָלדן ציגעלע פון י י ד י ש
גענערט האָט דורות דיך, ע ב ר י ת!

אין חומש, דאַוונען און דרשות,
דורך שבת־וואָכעדיקער וואָר,
אין זיסן מויל פון מאַמע־לשון
געטראָגן האָבן מיר דיין וואָרט.

און דיך געהיט אין לאַנגן גלות,
ווי פייער הייליקן געהיים —
און דיך געבראַכט אין מויל פון חלוץ,
וואָס פלאַנצט דיך איצט אין נייער היים.

מו. דער בונד פון ברידערלעכן וואָרט

מיר בענקען דאָ קיין י ר ו ש ל י ם,
און דאָרטן בענקט איר קיין נ ו י אָ ר ק,
איז לאָמיר אויסטרינקען לחיים
צום בונד פון ברידערלעכן וואָרט.

העברעאיש — איר, מיר — פשוט יידיש,
צוויי ברידער פון דערזעלבער דיך:
ווי טאַטנס יום־טוב׳דיקער קידוש
מיט מאַמעס בענטשנדיקע ליכט.

פון היגן שטיינערדיקן ג ו ש ן,
דורך ציין, פאַרפינעטע אין בלוט,
דאָס קול פון י י ד י ש — לשון קדושים —
צו ל ש ו ן ־ ק ו ד ש רופט: סאַלוט!

אָ, ברידער־זין פון בערג־יהודה,
מיר רופן איך, — פון ברוגז מיד, —
צו פראַווען חברישע סעודה,
דעם פעסט פון י י ד י ש און ע ב ר י ת.

דעם בלויען י ר ד ן רופט דער ה אָ ד ס אָ ן,
ווי ס׳רופט צום פאָטערס האַרץ אַ זון:
זאָל אונדז, ווי אַהרנס שטעקן, שפּראָצן,
ישראל׳ס קשר׳דיקער בונד.

פון זאַמד געקרייזלטן אין נ ג ב
ביז האַרטסטן ב ר אָ נ ז ו ו י ל ע ר קאָנקריט,
ווי זיסער שפּראַי פון זומער־רעגן
זאָל ריזלען אונדזער ברודער־ליד.

דעם גרינעם ג ל י ל שיקט זיין ברכה
דער גרויער שטייניקער נ ו י אָ ר ק:
ע ב ר י ת און י י ד י ש — איין משפחה
אין בונד פון ברידערלעכן וואָרט.

מז. נישטאָ קיין גלות און קיין ארץ

נישטאָ קיין ג ל ו ת און קיין א ר ץ,
פאַראַן אַ פאָלק, אין פרייד פאַרקניפּט,
פאַר וועמען מ ע נ ד ע ל ע און פּ ר ץ,
ווי ע מ ו ס, ב י אַ ל י ק זיינען ליב.

און דאָרט, וואו זוניק, פּילקאָלירִיק
עס רוישט דער וואונדער ת ל ־ אָ ב י ב,
דער האָניק־שיר פון א י ב ן ־ ג ב י ר ו ל
מיט מילך פון ר י י ז ע נ ס לידער טריפט.

עס פלאַטערן, ווי פליעסק פון פענער, —
פון ווינט און זון און אויפשטאַנד מאַט, —
דאָס הייסע וואָרט פון י ו ס ף ב ר ע נ ע ר
מיט ל י ע ס י נ ׳ ס זינגעוודיקער טאַט.

אין קבוצות, וואו עס קלינגט ה ל ו י ׳ ס
פאַרבענקט און כישופדיק געזאַנג,
גייט־אויף גאולה־ליד פון ל י י ו ו י ק
אין בליאונג, ווי אַ טרויבנשטאַנג.

עס רופט זיך איבער בראָנקסער טרויער
מיט פרייד פון תל־אָביבער ים:
די אומרו פון מ נ ח מ ׳ ס „גייער"
מיט כ ה נ ׳ ס ליד פון „בלוט און פלאַם".

עס פינקלט באָבעס שטערנטיכל
מיט כלה׳ס יחוס׳דיקער טראַכט:
דאָס „רות־געזאַנג״ פון יעקב פיכמאַן
מיט „אַלטן קוואַל״ פון אויערבאַך.

און ס׳טאַנצן, ווי פאַרליבטע ברידער,
אַ ריקוד — הודו לדושם:
י. גלאַטשטיינ׳ס „שטראַלנדיקע ייִדן״
מיט גרינבערג׳ס ליכטיקן „בעל־שם״.

עס שמעלצט שוין צווישן אונדז די קריע,
עס בליט שוין צווישן אונדז דער צוויט —
און ס׳ענטפערט־אָפּ אויף שלאָנקי׳ס תקיעה
דער שאַל פון לייעלעס׳עס ליד.

און אויף להכעיס אַלע ראָבן
די טויב פון פרידן זינגט אַ לויב:
אין גראָס געזאַנג פון „בעש״ט און דאָבוש״
אין ליד פון מייטוס — „קלמן־לייב״.

ווי ערשטער בלי פון פרילינג־זאַנגען,
דער טוי פון יונגשאַפט העלט און בליט:
אין נתן אַלטערמאַנ׳ס געזאַנגען,
אין לוצקי׳ס פערלדיקן ליד.

עס שאַלט פון גליל׳ס שפּיצן כמאַרנע
ביז שלאַנגען־נעסט אויף הר־תבור
ס׳כוהנים־ליד פון יהודה קרני
מיט גראַדע׳ס ליד פון פליטים־דור.

און איבער אַלע פעלדזן יובלט,
ווי פאַנען ליכטיקע — אין קריג:
ס׳געשטאַלט פון רובינשטיינ׳ס מקובל
מיט למדנ׳ס ליד „מסדה־זיג״.

מח. שבת אחים

איך הער: פון נ ג ב ביזן ע מ ק
גייט־אויף אַ ליכטיק זיג־געזאַנג:
ע ב ר י ת — די מאַמע — מיט אַ זמר
פירט טאָכטער־י י ד י ש ביי דער האַנט.

עס רופט פון טויזנטער בית־עלמינ׳ס
די שפּראַך פון טויטע זעקס מיליאָן:
— „אין שאָטן־רו פון גרינע פּאַלמען
זאָל פלאַטערן די י י ד י ש־פאָן!״ —

פון בראָנקס און בראַנזוויל ביזקל חיפה, —
דער לעצטער שארית פון פאַרלענד, —
מיר — זין פון בוך, איר — זין פון ספר,
דערלאַנגען לאָמיר זיך די הענט.

מיר — כולו וואָל, איר — כולו תכלת,
אין בונד פון י י ד י ש און ע ב ר י ת
איף שותפות־לשון י ש ר א ל י ת
הבה נרננה אונדזער ליד.

איז לאָמיר אויסטרינקען לחיים
צום בונד פון ברידערלעכן וואָרט!
דאָס האָט דער העלזעער י ש ע י ה
געחלומט וועגן אונדזער דור:

— „ס׳וועט הערשן אין ישראל שלום
אין יענעם טאָג פון פרייד און לויב,
ווען ס׳גאָלדן צ י ג ע ל ע פון ג ל ו ת
וועט הויערן מיט י ה ו ד ה׳ס ל י י ב.״ —

איז לאָמיר, ברידער, שלום מאַכן,
און לאָמיר מער ניט ברוגז זיין.
מה־טוב, מה־נעים שבת־אַחים:
ערשט נעכטן — שונאים, ברידער — היינט!

מט. צום לאַנד פון אייביקן גערעכט

און טאָמער ניט! און טאָמער וואַקסט שוין
אין אייער האַרצן גאווה־סם,
און איר זייט אַלץ נאָך, אַלץ פאַר׳עקשנט
אויף ווייטער אָנפירן דעם קאַמף.

איר טראַכט: ווי לאַנג וועט יידיש־שבט
דען לאָזן הערן נאָך זיין שטים?
ער גראָבט אין גלות זיך אַ קבר —
צוואוואָס זיך ברידערן מיט אים?

צוואוואָס דער פריינטלעכער ל ח י י ם?
צוואוואָס דער ברידערלעכער ב ו נ ד?
ע ב ר י ת איז יורש פון ישעיה,
און י י ד י ש איז אַ גלות־צונג!

מיר זאָגן: מוחל די הספדים!
מיר זיינען כלל ניט גרייט אייך סתם
אויף פלאַם פון אייערע עקדות
אַ קרבן ברענגען יידיש־לאַם.

ניין, ניט דערויף גאולה־חלום
געטראָגן האָבן מיר מיט גלויב,
אַז ס׳ג אָ ל ד ן צ י ג ע ל ע פון ג ל ו ת
פאַרצוקן זאָל י ה ו ד ה׳ס ל י י ב.

מיט אויספּרובירטן וואַנדערשטעקן
דורך גלות׳דיקע טעג און נעכט
מיר ציען ווייטער איבער שטרעקעס
צום ל אַ נ ד פון א י י ב י ק ן ג ע ר ע כ ט.

און טראָגן ווייטע ס׳גאולה־פייער
דורך דורות מאַרטער־פרייד און טויט.
פאַר אונדז איז ד אָ ר ט ירושלים,
וואו אונדזער י י ד י ש־ה י כ ל שטייט.

נ. סידור יידיש

ס׳וועט זיין: אין א ל ף, אין ה ש ב י ע י,
מיין קבר וועט שוין זיין צעשטערט,
וועט יידיש־לשון אַלץ נאָך בליען
אין גערטנער פון אַ נייער ערד.

און מיינס אַן אייניקל וועט לייענען
פון ס י ד ו ר י י ד י ש אויף אַ קול:
אַ נייעם „ברכו" און „עלינו",
ווי זיידעס זילבערנע אַמאָל.

און זיינס אַ זון — אַ צוימענברעכער —
וועט זוכן ליכטיקן באַשייד:
אין פּרצ׳עס „אויב נישט נאָך העכער",
אַ זין — אין „פּאָליש אויף דער קייט".

און זיינס אַן אייניקל וועט צערטלען
דאָס לשון־יידיש, פול מיט חן,
וואו „טוביה׳ס" עמכ׳דיקע ווערטלעך
מיט „פישקע׳ס" מישן זיך געוויין.

און זיינס אַ זון — אַז גוט און וואויל אים! —
וועט אין אַ לייטזעליקער שעה
פאַרטיפן זיך אין לייוויק׳ס „גולם",
אין גראַדע׳ס גורל׳דיקן „יאָ".

און דאַוונען וועט פון י י ד י ש ־ ס י ד ו ר
מיין יורש וועגן יענע טעג,
ווען ס׳האָבן „שטראַלנדיקע יידן"
געשפּאַנט אויף „מולכו׳ס" מאַרטער־וועג.

די זיידעס האָבן ס׳חומש־לשון
געטראָגן הייליק דור נאָך דור —
די יורשים וועלן, ווי של־ראָשן,
אויף שטערנס טראָגן יידיש וואָרט.

.1949 — 1948

דאָס געזאַנג פון חרובֿ'ן דור

דאָס געזאַנג פון חרובֿ'ן דור

מיר — סעמיטן

די לעצטע דריי ייִדן פון וואַרשע

איך בין דער זינגמייסטער פון ייִדיש ליד

רות און בועז

דער לעצטער כּוהן

דאָס געזאַנג פון חרובן דור

א.

אָ, ניט וועק מיךביים שפּראָץ פון קאַיאָר,
כ'וויל דעם מילכוועג'ס געזאַנג מער ניט הערן:
טאָג געגנאַרט האָט מיט זון־גלי מיין דור,
און די נאַכט האָט געלאַיגט אים מיט שטערן.

ניט פאַר אייגענער נוץ, נאָר לשמה
האָט מיין דור, דער בן סורר ומורה,
פּונקט ווי יעקב, אין פינצטערער שעה
אויסגעגנאַרט ביי זיין ברודער די בכורה.

ס'האָט מיין דור אין אַ שעה פון פאַרבלענד,
ניט פאַר גאווה און ניט פאַר נצחון,
פונקט ווי יעקב, מיט האָריקע הענט
אויסגעגנאַרט ביי זיין פאָטער די ברכה.

נאָר פאַר בכורה פון עשו'ס געיעג,
פאַר אַ טאָפּ מיט צעווערימטע לינדזן
האָט מיין דור שוין באַצאָלט אַ פאַרמעג,
זיך צערעכנט מיט בלוטיקע צינדזן.

אוי, אויף חרובן קאָפּ פון מיין דור
יצחק'ס ברכה געוואָרן איז קללה,
ווען דער וואָלף פון דער בלייערנער וואָר
האָט דאָס ציקל פאַרצוקט פון זיין חלום.

וויפיל יאָר האָט מיין דור אָפּגעדינט
ביי די סטאַדעס פון לבן אַרמי,
וויפיל יאָר פאַר אים פריידיק און בלינד
טריי געקראָכן אין פייער און פלאַמען!

און ווי יעקב, געטרוימט און געשקלאַפט
פאַר זיין רחל'ען מיט לב און מחשבה, —
נאָר מיט בלינדן פאַרבלענד — לאָה'שאַפט
האָט גענאַרט אים רויט־האָריקער לבן.

און געווען ר ח ל׳ס האַרץ איז געגאָלט,
פול מיט ליבשאַפט און סמ״יקן פייער:
ניט צו י ע ק ב׳ס זיס־זינגעוודיק קול,
נאָר צו האָריקע ע ש ו־י ד י ם.

ב.

אָ, ניט וועק מיךביים שפראָץ פון קאַיאָר,
ס׳איז מיין גוף — איין צעבראָכענער אבר:
קאָן אַ הרוג זיך רירן פון אָרט?
קאָן אַ מת זיך אַ הויב־טאָן פון קבר?

קאָן אַ לייב, דורכגעלעכערט פון בליי,
הויט פאַרציען אויף וואונדיקע מומים?
פאַר אַ דור, וואָס איז חרב־פאַרביי,
איז פאַראַן דען אַ ליכטיקע תקומה?

איז פאַראַן נאָך אין פינצטערער וואָר
אַזאַ גלויביקער, ליכטיקער מ נ ה י ג,
וואָס זאָל פירן צו ת ח י ה אַ דור
פון דער בראַנדיקער שוועל פון מ אַ י ד אַ נ ע ק?

אָ, ניט וועק מיך ביים אויפשפראָץ פון טאָג,
כ׳קאָן ניט גלויבן אין שופר פון ת ח י ה.
לאָז מיך שלאָפן אין פיין פון מיין פלאָג
און ערשט אויפשטיין אין א ל ף ה ש ב י ע י.

אָ, פאַרלעש פון דער זון לעצטן קנויט:
כ׳וויל פאַרשלאָפן דעם שוואַרצן יאָרטויזנט,
וואו עס שמעקן די שטערן מיט טויט
און מיט קאַלכאויוונס שמעקן די רויזן.

ערשט ווען רשעות וועט קראַכן אין תל
אונטער חורבות פון לעצטן קאָנצלאַגער,
וועק מיך אויף — אין אַ ליכטיקער וועלט
וועל איך אויפשטיין, ווי ח ו נ י ה מ ע ג ל.

מיר־סעמיטן

יאָ, סקיפּן — מיר, יאָ, אַזיאַטן — מיר,
מיט גיריקע, מיט שיקלדיקע אויגן.
„סקיפן" — אַלעקסאַנדער בלאָק.

יעקב גלאַטשטיינ׳ען — אַ מתנה

איר — אַריער, איר — זין פון ריינעם בלוט,
סעמיטן — מיר, געמיש פון ראַסן,
יאָרטויזנטער האָט אייער בייזע רוט
אונדז ס׳לייב געקאַטעוועט אין פּאַסן.

יאָרטויזנטער איר שטייט און קוקט זיך צו,
אין ווייסע האַנדשו און צילינדער,
ווי אונטער אייער רייטערוואָגן צוקט
דאָס האַרץ פון אונדזער פרוי און קינדער.

איר — אַריער מיט קינען פון גראַניט,
מיט אויגן — אויפגעשוימטע גלעזער,
סעמיטן — מיר, מיט קרומען אויגן־שניט,
מיט לאַנגע אָדלערדיקע נעזער.

יאָרטויזנטער איר האַלט אונדז אויף אַ קייט,
געשמידט צו מילשטיינער פון ג ו ש ן —
און ס׳ברענט אויף אייך די ציטערדיקע הויט
אין שרעק פאַר אונדזער גאָט פון יושר.

מיליאָסן — איר ! און מיר — אַ שוואַכע צאָל,
אַ נישטיקע, אַ שוצלאָזע, אַ קליינע,
נאָר ווילנס האָבן מיר — ווי האַרטער שטאָל,
און נאַקנס פעלדזיקע — ווי שטיינער.

ס׳האָט אונדזער ווילן ניט געבראָכן ה ו ן,
ניט ר ו י ם אין טראָציקן שגעון,
אונדז — שטאָלצע אייניקלעך פון תרח׳ס זון,
דעם געצן־שמעטערער אַ ב ר ה ם.

ס׳האָט ניט צעשטויבט אין מיטלאַלטער־נאַכט
דער ס ל אַ ו ו מיט פויסטן, ווי די האַמערס,
אונדז — פרייע אייניקלעך פון ש ד י ׳ ס קנעכט,
דעם לוחות־שמעטערער ב ן ־ ע מ ר ם.

אין יעדן דור האָט אונדז געדראָט פאַרלענד
פון מחנות — גרויזאַם און אַנצאָליק,
נאָר צוגעזען מיין שטאַם האָט אַ ש ו ר ׳ ס ענד,
דעם סוף פון פ ר ס און ע מ ל ק.

צוויי טויזנט יאָר אין וואַנדער אָן אַ היים,
מיר — זין פון גרויזאַמען י ה ו ה ׳ ן, —
מיר האָבן צוגעזען דעם טויט פון ר ו י ם,
דעם אונטערגאַנג פון מ ל כ ת ־ י ו ן.

מיר האָבן אויסגעפּרוווט דעם גייסט אין פלאַם
און אונדזער גלויבן — אויפן שייטער:
נישט איינמאָל האָט גע׳גוסס׳ט אונדזער שטאַם —
און זעט: ער לעבט — און שפּאַנט שוין ווייטער.

אונדז שרעקט ניט שווערד, ניט מעסער, נישט קאַנאָן,
נישט טויט, נישט אומקום, נישט צעשטערונג:
מיר טראָגן דעם ש ל ־ ר אָ ש פון אייביק־אָן,
ווי ש ד י ׳ ס פּאַנצער אויפן שטערן.

אין וואַנדער אייביקן פון לאַנד צו לאַנד
אין האַרצן טראָגן מיר גאָט׳ס פייער —
און דינען אייך יאָרטויזנטער אַלס וואַנט
צעווישן מ ע נ ט ש און ו ו י ל ד ע ר ח י ה.

***

איר — אַריער, איר — זין פון זיגער־טראָט,
מיר — טרוימער־זין פון י ע ק ב ׳ ס ל י י ט ע ר,
כוהנים־קינדער פון אַ בייזן גאָט,
אַ גאָט — אַ נ ו ק ם און אַ נ ו ט ר.

ס׳האָט איינמאָל שוין אַ נביא און אַ ייד
גערופֿן אײַך צום פּעסט פֿון פֿרידן:
— „דעם שטאָל פֿון שווערד אין אַקעראײַזנס שמידט,
און לאָמיר — שונאים — ווערן ברידער!

— „באַדענק זיך, וועלט, כּל־זמן ס׳איז נאָך ניט שפּעט,
כּל־זמן דו זינקסט נישט צ׳ריק אין ת ו ה ו,
פֿאַרנעם דאָס וואָרט פֿון געטלעכן פּראָפֿעט —
און לאָמיר איינצוימען די ח י ה ־ר ע ה!״ —

האָט איר פֿאַרהערט זיין רוף פֿון פֿריד און פֿלאַם, —
פֿון מאַכט פֿון רשעות׳דיקער שיכּור, —
און אײַער וואָלף פֿרעסט אַלץ נאָך אונדזער לאַם,
און אײַער לעמפּערט — אונדזער ציקל.

אומזיסט די מי! דעם נביא׳ס רוף פֿאַרשעמט —
עס הויזט ניט טיגער מיט קיין ריינדער.
נישטאָ קיין שלום צווישן ח ם און ש ם,
קיין ליבשאַפֿט — צווישן וועלף און קינדער.

איז ברענג איך אײַך ס׳געזעץ פֿון מדבר־שטאַם:
ש ן ת ח ת ש ן און ע י ן ת ח ת ע י ן.
מיר ווילן מער ניט זיין פֿאַר אײַך קיין צאַם
צעווישן מ ע נ ט ש און ווילדער ח י ה.

זאָל קומען צ׳ריק די ו ו י ל ד ע ־ח י ה פֿון וואַלד
מיט שאַרפֿע, שטשירנדיקע ציינער —
מיר וועלן צוזען, ווי אין חזיר־שטאַל
זי גריזשעט אײַער פֿלייש־און־ביינער.

מיר וועלן הערן אײַער ווילד־געהייל
אין מיט פֿון יובלענדיקער משתה.
זאָל קראַכן אײַער וועלט ביז לעצטן זייל —
און ת מ ו ת נ פ ש י ע ם פ ל י ש ת י ם!

1941

די לעצטע דריי יידן פון וואַרשע

(באַלאַדע)

געווען אַ נאָכמיטאָג אין אייר,
תש״ג לבריאת העולם,
דאָס לעבן האָט קוים נאָך געטליעט
אין ו ו אַ ר ש ע — דער קרוינשטאָט פון פ ו י ל ן.

געלעגן מיט אָפענע שטיבער,
געפּאַלמעסט די וואַרשעווער געטאָ.
(אַזוי איז אין פנקס פאַרשריבן
אויף געלע פאַרבלוטיקטע בלעטער).

געשמעקט האָט מיט רויך און מיט פגירה,
מיט בלוט און מיט בעז און מיט קאַרשן.
געשפּאַנט האָבן דריי גרענאַדירן,
די לעצטע דריי יידן פון וואַרשע.

רב עוזר — דער רב און בן־תורה,
יחיאל — דער גאָלדענער שטריקער,
און שייקע — דער סורר ומורה,
דער הפקר׳ער וואוילינג פון דזשיקע.

אין גרויען פאַרטאָגיקן טונקל
האָט אויפשטאַנד זיך לאַנג אויסגעלאָשן —
און ס׳האָבן די אַשיקע פונקן
צעטראָטן די שטיוול פון רשע.

אויף גאַסן, אין הויפן, אין גריבער
אַ דור איז פאַרגאַנגען אין שחיטה —
בלויז זיי זיינען איבערגעבליבן:
פון אומקום די לעצטע דריי ריטער.

די זון קלינגט אין פרילינגשע גלעקער,
פלייצט גינגאָלד אויף חרובע היימען,
און שפּילט זיך מיט קינדערשן לעקל
אויף פנים, פאַרשטאַרטן אין אימה.

***

ס׳איז פרילינג, ס׳איז זון און ס׳איז שחיטה.
(אַזוינס ניט געזען האָסטו, ביאַליק!)
און ס׳שפּאַנען די לעצטע דריי ריטער,
מיט הערצער פון אומקום פאַרגאַליקט.

זיי שפּאַנען אַרויף אויף דער געגנשע
און קוקן מיט אויגן פאַרשטאַרטע:
ניטאָ מער, ניטאָ מער קיין מענטשן —
בלויז מתים, ווי פּענקעס פאַרדאַרטע.

עס ליגן די נאַלעווקעס חרוב,
צעריסן אין פינצטערע שטיקער.
און ווייטער — איר אָרעמער קרוב:
דער פריילעכער דלות פון דזשיקע.

פון איין עק — העט ווייט ביזן צווייטן,
אין שטילשווייג פון אומקום און גרוילן,
ליגט שטום, מאַיעסטעטיש — אַ טויטע
די געטאָ — איין ווּיסטער בית־עולם.

און אַלץ קוקט זיי אויס דאָ אויף ס׳חידוש:
די הייזער צעפליקט און צעשאָסן.
ערשט נעכטן האָט וואַרשעווער יידיש,
ווי ווײַן — פון אַ שפּונט, דאָ געפלאָסן.

און היינט — אונטער מעסער פון קיילער, —
פאַרפּייניקט, צעטראָטן, פאַרלאָשן, —
אויף טויטע, פאַרשלאָסענע מיילער
פאַרשטומט ליגט דאָס יידישע לשון.

נאָר איבער די חרוב׳ע לעבנס,
אין רויך און אין פלאַמען צעשטערטע,
עס הענגען און טליען און שוועבן
צעשייטערטע יידישע ווערטער.

**
*

און שייקע — דער וואוילינג פון דזשיקע,
דער הפקר'ער מומר להכעיס,
דער ערשטער ברעכט־איבער די שתיקה,
מיט קלאָג און מיט זידל — אַ פחד:

— „זיי האָבן מיין טאַטן דעם פרומען
אויף פיקעס גענומען — די כלבים.
און איך בין געשטאַנען אַ שטומער,
געוואַרט אויפן מלאך המות.

— „געכאַפּט האָב איך פלוצים אַ דישל —
און פלינק, ווי אַ פייל פון אַ בויגן,
האָב איך די גזלנים נאַדרישעט —
אַ ווינט זיי, די הינט, אין די אויגן!

— „איצט שפּאַן איך, פון לעבן פאַרמאַטערט,
פון בלוט און פון אומגליק פאַרשיכורט.
אָ, גאָט פון מיין ערלעכן טאַטן,
וואָס האָסטו צעטאָן מיט מיין דזשיקע?"

און ס'קלאָגט זיך יחיאל דער שטריקער:
— „זיי האָבן מיין וואַרשטאַט צעפּלינדערט,
און נאָכדעם צעריסן אויף שטיקער
מיט באָמבעס מיין ווייב מיט די קינדער.

— „וואו ביסטו דאָרט, וועגער און מעסטער,
וואו ביסטו, דו — מערדער און שינדער
פון שטילע געשענדעטע שוועסטער,
פון שטומע געקוילעטע קינדער?..."

**
*

און פלוצים ביים ראָג פון אַ געסל
בלייבט שטיין די אַנטרונענע עדה.
זיי זעען: אַ שילד „בית־הכנסת"
הענגט איבער אַ חרובן בוידעם.

זיי שפּאַנען אַריבער די שוועל נאָר
און קוקן מיט שטוין און מיט גאַפן:
אַ פּגר — אַ נאַצישער זעלנער
ליגט שטום ביי דער אָפענער שאַפע.

ביים זייט ליגט דער שמש רב אַהרן:
דער קאָפּ אויף די טרעפּ פון באַלעמער,
מיט ווייסלען פאַרלאָפענע שטאַרן
צוויי אויגן — געשאָכטענע לעמער.

די מעשענע לייכטער, ווי שיפלעך,
געזונקען נאָך שווערע געפעכטן —
און ס'טריפלט נאָך חלב און טריפלט,
ווי בלוט, אויפן עמוד פאַרשוועכטן.

דער אָרון צעפּראַלט און צעבראָכן,
צעלאָמעט די גילדערנע מנורה.
און איבער די טרעפּלעך — צעשטאָכן
יריעות פון אַ ספר־תורה.

און ס'צינדט, ווי אַ בליץ, זיך שגעון
אין עוזרס צעפיבערטע אויגן.
און שטיל אין האַלב־טונקל אין גרויען
האָט ער צו די טרעפּ זיך געבויגן.

ער נעמט אין די הענט אין די צאַרטע
יריעות, פון שונא פאַרשוועכטע,
און טוליעט צו ברוסט צו פאַרדאַרטער,
ווי ליבע, געשענדעטע טעכטער:

— „וואָס גייען מיר אָן טאַטע־מאַמע
און קינדער, פון באָמבעס צעפיצלט,
און ברידער, צעפליישט אונטער האַמער,
און שוועסטער, געשענדט פון די היצלס?

— עס האָט שוין ניט איינמאָל ישראל
געליטן פון שחיטות און בראָכן,
נאָר אייביק געווען אונדזער גואל
איז מאַכטיקע האַנט פון כביכול.

— „און איצט איז ניטאָ מער קיין רעטער.
מיין גאָט איז, מיין גאָט איז געשטאָרבן:
אין שלאַכט פון דער וואַרשעווער געטאָ
געפאַלן דער לעצטער שוין קרבן.

— „עס האָט אים דער פינצטערער שונא
אין וואַרשע, אין קרוינשטאָט פון פוילן,
אין רינשטאָק פון שמוציקער בוינע,
דעם גאָט פון ישראל געקוילעט.

— „ניט וויינען, ניט שילטן, ניט טאַדלען,
נאָר ברענגען צו קבורה אים — שטומע,
און זאָגן דעם לעצטן י ת ג ד ל
נאָך גאָט, וואָס'ט געפעלשט אין זיין אומה."

***

און ס'שפאַנען מיט גענשע אַרונטער
די לעצטע דריי יידן פון וואַרשע.
עס שמעקט מיט צעראָיעטע גרונטן,
מיט בלוט און מיט בעז און מיט קאַרשן.

אַ שטאָלצער גייט עוזר אַפריער
און טראָגט אין די הענט, ווי דעם גורל,
די שטומע, פאַרשוועכטע יריעות
פון לעצטער פאַרבליבענער תורה.

נאָך אים גייען: שייקע פון דזשיקע,
יחיאל — די צוויי נושא-כלים.
זיי שפאַנען אַריבער דעם בריקל
צום וואַרשעווער אַלטן בית-עולם.

זיי גראָבן אַ קבר ביים גדר
און לייגן אַריין די יריעות.
און ס'לעשט זיך אויף פינצטערער עדה
אין בלוטיקן זשאַווער די שקיעה.

**
*

און ס'שפּאַנען די שארית־הפּליטה,
געהילטע אין חושך פון אָוונט,
צוריק אין דער שטאָט פון די טויטע,
וואו ס'שמעקט שויך מיט ווינטלעך מאַיאָווע.

און ס'פּאַלן פון ליפּן רב עוזר'ס
די ווערטער באַפעלעריש־שטילע:
— „מע דאַרף נאָך היינט אָוונט, רבותי,
די לעצטע שליחות דערפילן".

רב עוזר שטעלט־אָפּ זיך אַ בלייכער
און ווייזט אויף אַ זאַק צווישן ברעטער:
— „קיין שריד ופליט, קיין זכר
טאָר ניט בלייבן פון פינצטערער געטאָ."

עס מישן זיך שוואַרצלען מיט ווייסלען
און ס'פלאַמען רעיונות צעמישטע:
— „אַן אויג פאַר אַן אויג — מדאורייתא,
איז תמות נפשנו עם פלישתים!" —

זיי הייבן דעם זאַק פון די שורוועס
און שליידערן אים, ווי אַ פאַקל.
אַ קנאַל — און עס קראַכן די חורבות
פון געטאָ אין פלאַם און אין פלאַקער.

פאַרטאָג — אין צערינצלטן בלוי־שיין
זיי ליגן — צעפליקטע דריי פאָנען.
פאַראויס לויכט דער עמוד־האש זיי,
אַהינטער — דער עמוד־הענן.

1943

איך בין דער זינגמייסטער פון יידיש־ליד

איך בין דער זינגמייסטער פון יידיש־ליד,
דער האַרפן־שפּילער פון יהוה,
ווייל מיין געזאַנג זיין צויבער־ניגון ציט
פון זיסן תהילים־זינגער ד ו ד.

איך פלאַנץ מיין ליד, ווי הייליקן געשריפט,
אין ווײַנגערטנער פון שיר־השירים —
און מיין געזאַנג מיט ווייַן פון ליבשאַפט טריפט,
מיט איילן דופטיקע און מירע.

איך שאַרף מיין ליד — אַ שווערד אָן קיזלשטיין —
צום שטרייט פון מענטש אַנטקעגן חיה,
ווייל כ'טראָג אין בלוט דעם ליכטיקן חזון
פון מדבר־העלזעער י ש ע י ה.

איך טונק מיין ליד, ווי ברויט אין טערפּקן ווייַן,
אין י ר מ י ה'ס טרערנפולער איכה:
נישטאָ קיין פּיין, וואָס גרעסער פון מיין פּיין,
קיין בראָך, וואָס האַרבער פון מיין תוכחה.

עס שאַלט מיין ליד — אַ גאָלדענער טרומפּייט,
וואָס וועקט י ח ז ק א ל'ס טויטע ביינער:
— „שטיי־אויף, מיין פאָלק, צי־אָן אויף פלייש אַ הויט,
און גיי־אַרויס אַנטקעגן שונא!" —

באַדעקט מיט אַש, פון פריינט און פיינט פאַרשפּאָט,
מיין גוף — אין קרעץ, אין מרד — מיין נשמה.
נאָר פול מיין האַרץ, ווי א י ו ב'ס, איז מיט גאָט,
איך וועל ניט לעסטערן זיין נאָמען.

איך בין דער זינגמייסטער פון יידיש־ליד,
דער האַרפן־שפּילער פון יהוה,
ווייל מיין געזאַנג זיין צויבער־ניגון ציט
פון זיסן תהילים־זינגער ד ו ד.

1949

רות און בועז

(ביבלישע פּאָעמע)

רחל קאָרן — אַ מתנה

ויהי בחצי הלילה ויחרד האיש וילפת והנה אשה שוכבת מרגלותיו: ויאמר מי את ותאמר אנכי רות אמתך ופרשת כנפיך על אמתך כי גואל אתה.

און עס איז געווען אין האַלבער נאַכט, האָט דער מאַן אויפגעשיצערט און ער האָט זיך אויסגעדרייט, ערשט אַ פרוי ליגט אים צופוסן. האָט ער געזאָגט: ווער ביסטו? האָט זי געזאָגט: איך בין רות, דיין דינסט — און זאָלסט אויסשפּרייטן דיין ברעג קלייד איבער דיין דינסט, וואָרום אַן אויסלייזער ביסטו.

(מגילת רות — ג׳, 8־9.)

א.

די היץ איז געפאַלן. אין טויען געהילט,
די נאַכט אין בית־לחם איז וואַייניק און קיל.
עס הוידעט זיך מער ניט אויף שטענגל דער זאַנג,
און לאַנג איז פאַרקלונגען דעם שניטערס געזאַנג.
אין אָפענעם שייער, פאַרזונקען און מיד,
עס רוען די שניטער נאָך גערשטן־געשניט.
און זעען אין חלום: אין לאַנד פון כנען
אַ יונגע לבנה אין שטערן־געשפאַן.
ס׳איז נישט די לבנה: אויף מילכוועג־שפּאַציר
דאָס שפּאַנט זייער כלה אין שטערן־געציר.
און אונטער די שטערן — אין העל־בלויער טראַכט
עס הוידערט — אַ האָרביקער קעמל — די נאַכט.

ב.

ס׳איז נאַכט און ס׳איז שטיל אויף בית־לחמער פעלד.
עס שלאָפן די יונגען אין בּ ו ע ז׳ ע ס צעלט.
בלויז איינער אין שייער, בלויז בּ ו ע ז איז וואַך
און שפּיזלט מיט בליקן דאָס לייב פון דער נאַכט.
שוין וואָכן, ווי ס׳וועקט אין אים בענקשאַפט נאָך לוסט
די טאָכטער פון מ ו אָ ב, די קלייבערין ר ו ת.
ער זעט צווישן מיידלעך, ווי בויגיק און שלאַנק
זי קלייבט אויף די בייטן אַ זאַנג נאָך אַ זאַנג.

און יונג איז און שיין איז די קלייבערין ר ו ת,
נאָר אַלט איז ער, ב ו ע ז — און טויט איז זיין לוסט.
און ס׳נעמט ניט דער שלאָף אים אין נאַכטיקער שפעט.
ער וואַרפט זיך און קרעכצט אויף זיין
שטרויענעם בעט.

ג.

און פלוצים דערפילט ער: צופוסן ווער ליגט.
און ס׳שפיזלט די נאַכט זיין דערשראָקענער בליק:
— „ווער ביזטו?" — ער רופט מיט אַ קלאַפּעדיק
האַרץ.
און ס׳ענטפערט פון חושך: — ׳דיין דינסט בין
איך, האַר!"
און ס׳וואונדערט זיך ב ו ע ז: — „וואָס איז
דיין פאַרלאַנג?
איז ווייניק געווען דיר מיין גערשטן־געשאַנק?"
און ס׳ענטפערט אים ר ו ת: — „איך בין עלנט,
פאַרשעמט,
געשטאָרבן איז מחלון, מיין מאַן, אין דער פרעמד.
פון מ ו אָ ב אַהער, אויף בית־לחמער פעלד,
געקומען כ׳בין, ב ו ע ז, צו דיר אין געצעלט.
מיין ליבשאַפט איז רייף, ווי אַ זאַפטיקע טרויב —
צוואָס זאָל זי פאַלן אויף הפקר און רויב?" —

ד.

און ס׳וואונדערט זיך ב ו ע ז: — „וואָס ברענגט
דיך אַהער?
וואָס ווינשסטו, מיין טאָכטער? וואָס איז דיין
באַגער?" —
און ס׳קלאָגט זיך און בעט זיך ביי ב ו ע ז׳ן ר ו ת:
— „מיין לייב און מיין לעבן ביי דיר אין רשות.
זע: יונג בין איך, בועז, מיין בלוט — אַ געשריי.
מיין לייב און איז ווי רוי־ערד, וואָס לעכצט נאָך
פאַרזיי.
אַ קרוב ביזטו דאָך פון מ ח ל ו ן, מיין מאַן,
איז אויסלייזן מוזטו דאָס בלוט פון דיין קלאַן.

אויב חן אין די אויגן פון האַר איך געפין,
כ'וועל זיין דיר אַ ווייב און כ'וועל זיין דיר אַ דינסט.
שפּרייט־אויס איבער ר ו ת, ווי אַ גואל,
דיין קלייד —
געבראַכט כ'האָב דיר, ב ו ע ז, מיין ליבשאַפט
און פרייד." —

ה.

און ס'ענטפערט איר ב ו ע ז מיט ציטער אין קול:
— „געבענטשט זיי, דו — טאָכטער פון מואבער
פאָלק.
וואָס דו האָסט פאַרלאָזן דיין שטאָם און דיין הויז —
פאַר אַלטער נ ע מ י ' ן אַן אָנלען און טרייסט.
כ'געדענק דיך נאָך, ר ו ת, ווען געווען ביזטו
קליין —
אַ הירשין אַ יונגע מיט וועלפּישע ציין.
צוגאַסט כ'בין געקומען אויף מואָבער פעלד:
געווען בין איך פערציק, געווען ביזטו צוועלף.
שוין דעמאָלט געצונדן אין האַרץ האָבן לוסט
די שפּראָצן די ערשטע פון בריסט דיינע, ר ו ת.
נאָר ס'האָט מיר דיין טאַטע געזאָגט, דער בר־דעת,
אַז דו ביזט צו מ ח ל ו ן, מיין קרוב, פאַרקנסט.

ו.

— „כ'בין דעמאָלט צוריק קיין בית־לחם אַוועק —
און ס'האָבן געצויגן זיך פינצטערע טעג.
צי ווייסטו די בענקשאַפט פון עלנטע נעכט,
ווען ס'פּעכטן דער מוח מיט האַרץ אַ געפעכט?
דאָס האַרץ הויבט דעם בעכער מיט ליבע־געטראַנק
צו געטער פון מואָב אין הפקר־געזאַנג,
נאָר וואַך איז דער מוח, וואו ס'פלאַטערט די שטים
פון גאָט פון די אָבות, פון ש ר א ל ה י ם.
זינט דאַן זיינען יאָרן, ווי רויכן, פאַרביי.
די לוסט איז צערונען, ווי מאָרגיקער שפּראַי.

איצט בין איך שוין פופציק — אַ פעלד נאָכן שניט.
דאָס האַרץ איז פאַרוויאַנעט — און מיד בין
איך, מיד.״ —

ז.

און ס׳פליסן די רייד זיינע, פול מיט פאַרדרוס:
— „צו־שפעט ביזט געקומען, מיין אָרעמע ר ו ת!
דיין לייב, ווי אַ צעדער אין פרילינג־צעבלי —
דו האָפסט נאָך צו וויגן אַ קינד אויף די קני.
און איך בין שוין אַלט און פון יאָרן באַרוט —
און ס׳וואַיעט די זיקנה, ווי כלבים, אין בלוט.
עס שלאָפן שוין שטערן אין גאָט־ברוך־הוא׳ס שויס.
פאַרוועלקט איז די ליבע און טויט איז די טרייסט.
ווי ווייך איז דיין ליבשאַפט און יונג איז דיין לייב,
מיין גוף — ווי אַ פעלד נאָכן גערשטן־געקלייב.
ס׳איז האַלב־נאַכט שוין, ר ו ת, אויף בית־לחמער
פעלד:
צו־שפעט איז דיין קומען אין ב ו ע ז ׳ עס צעלט.״ —

ח.

ר ו ת האָרכט, אַ געפלעפטע, די רייד פון איר האַר —
און ס׳ריזלען די ווערטער, ווי מאַרגנטוי, צאַרט:
— „אָ, בועז, ווי קלאָר איך געדענק דיין באַזוך —
ביז איצט נאָך ער פייניקט מיין האַרץ, ווי אַ פלוך.
געוועזן בין איך קליין נאָך און ריין, ווי אַ טויב —
און דו ביזט דאַן, ב ו ע ז, געוועזן ווי אַ לייב.
געוואָלט האָב איך דעמאָלט שוין לויפן נאָך דיר —
און ווערן אַ דינסט ביי מיין ליכטיקן ווירט.
נאָר ס׳האָט מיך דער טאַטע צו מחלון פאַרקנסט —
און כ׳האָב אים געשאָנקען ניט ליבשאַפט, נאָר האַס.
און אָפט אין די אָרעמס פון מ ח ל ו נ ׳ ע ן, גלויב:
געחלומט האָב איך וועגן ב ו ע ז — מיין לייב.״ —

ט.

אַ הירשין, פון דונער געטראָפן, איז ר ו ת,
וואָס טוליעט זיך שפּל צו ב ו ע ז ׳ ע ס פוס:

— „געשפּירט האָט ער, מ ח ל ו ן: ניט אים
האָב איך ליב,
כאָטש כ'האָב ניט דיין נאָמען געבראַכט אויף מיין ליפּ.
געבליבן בין איך אים אַן ערלעכע ווייב,
נאָר פרעמד איז געווען אים די לוסט פון מיין לייב.
און ווען ס'האָט אים פּלוצים פאַרצערט די חולאת,
דערפילט כ'האָב די פרייד אין באַפרייאונג פון לאַסט.
און ווען פון מיין לאַנד איז נ ע מ י אַוועק,
האָב איך, ווי אַ הונט, זי באַגלייט אויפן וועג.
ניט טריישאַפט צו איר האָט געבראַכט מיך אַהער, —
נאָר בענקשאַפט צו דעם, וועם מיין ליבשאַפט
געהערט." —

י.

און ס'קלינגט אין דער נאַכט, ווי אַ פּלייטע,
איר שטים:
— „געבענטשט איז דער גאָט פון דיין פאָלק —
א ל ה י ם!
דער גאָט פון מיין ב ו ע ז, וואָס האָט אין דעם קריג
די הפקרע געטער פון מואב באַזיגט.
די געטער פון מואב — דער מ ו ל ך און ב ע ל —
זיי זיינען פון שיכרות און ניאוף שוין אַלט.
עס העלפן קיין טענץ ניט, קיין בלומען ניט מער,
קיין קינדער־קרבנות, דערשלאָגן פון שווערד.
די געטער פון מואב — דער ב ע ל און כ מ ו ש,
דאָס קאַלב און דער אייזל, די פליג און די פראָש —
עס לעשט זיך אויף זייער אַלטאַר שוין דער קנויט.
אָ, ויינט, מואָב'ס טעכטער, עס נענט זייער טויט.

יא.

— „עס קומט זיי פאַרניכטן דיין גאָט — אַ ד נ י,
דער גאָט פון הר־סיני, דער גאָט פון נבו.
ווי יונג איז און מעכטיק דער גאָט פון דיין שטאַם,
און פלינק, ווי דער אָדלער, און הייס, ווי דער פלאַם.
און מילד קאָן ער זיין, ווי אַ חתן, וואָס גלעט
זיין ליכטיקע כלה אויף חתונה־בעט.

און בייז קאָן ער זיין, ווי דער הייסער סאַמום,
וואָס טרייבט קאַראַוואַנען אין מדבר אַרום.
פאַרשווינדן וועט מ ו ל ך, ב ע ל־פ ע ו ר און
כ מ ו ש,
דאָס קאַלב און דער אייזל, די פליג און די פראָש —
און בלייבן וועט י ה ו ה — בלויז אים איז באַשערט
צו ווערן דער הערשער אויף ליכטיקער ערד."

יב.

און ס'לאַשטשעט זיך ר ו ת ביי דעם ברעג פון
זיין קלייד.
און ס'טריפן. ווי טייטלזאַפט, צערטלעכע רייד:
— „זאָלסט קיינמאָל נישט זאָגן אין ליבע „צו־שפּעט".
פאַר זין פון מיין שטאַם איז די ליבע — געשפּעט:
אַ שפּיל און אַ זונג און אַ טאַנץ און אַ ברויז,
אויף מאָרגן פאַרגעסן, צערונען — און אויס.
ווי זינדלעך, ווי רייכע אויף זונות און שלעק,
זיי טרענצלען די ליבע אין הפקרע טעג.
און קומט־אָן די עלטער — זיי שניידן מיט ווייז
פאַרוויאַנעטע פּירות פון הפקר־פּאַרזיי.
און ס'בלייבט זיי אַ זכר פון ליבע און לוסט:
בלויז אַנגסט און באַדויער און פּיין און פּאַרדרוס.

יג.

— „ווי אַנדערש, מיין האַר, איז דער מאַן פון
דיין שטאַם:
וואָס עלטער דער ווין איז, אַלץ זיסער דער טעם.
און דו ביזט נישט אַלט — דו ביזט רייף, ווי אַ זאַנג.
קום, האַר, און באַטרינק מיך מיט ליבע־געטראַנק.
דיין קוש אויף די ליפּן — אַ פלאַמיקע קווייט —
וועט זיין פאַר מיין גומען, ווי האָניק מיט ברויט.
מיין לייב איז אַ גאָרטן מיט אָפענער טיר —
צעאַקער אים, ב ו ע ז, פאַרפלאַנץ אים, מיין ווירט.
מיין ליבשאַפט, ווי עפּל — צום רייסן שוין גרייט,
קום, בייס־איין די ציינער אין זאַפטיקן רויט.

פאַרוואָר, ס'איז אַ פרייד און אַ ברכה פאַראַן,
ווען יונגשאַפט פון פרוי לעכצט נאָך רייפקייט
פון מאַן..."

יד.

און בועז דערשפירט האָט איר צאַרטן באַריר —
און אויסגעשפרייט האָט ער זיין קלייד איבער איר:
— „געבענטשט זיי מיר, רות, וואָס פון יונגען
אין פעלד
דערוויילט האָסטו מיך פאַר דיין גואל און העלד." —
און פריידיק האָט ער זיך באַהעפט מיט איר לייב —
און רות יענע נאַכט איז געוואָרן זיין ווייב.
און גאָט האָט געבענטשט זייער הייליקן בונד —
און רות האָט געבוירן אים עובד — אַ זון.
און עובד איז פאָטער פון ישי'ן געוועןָ —
און דוד געוועזן איז אַ שפּראָץ פון זיין לענד.
אַזוי ווערט די מעשה דערציילט אין תנ"ך
פון בועז און רות אין בית־לחמער נאַכט.

1948

דער לעצער כוהן

(פּאָעמע פון ערשטן חורבן)

חיים גראַדע׳ן אַ מתנה

א. די הייליקע שליסלען

דריי יאָר און אַ האַלב בבל׳ס חיל
האָט באַלאַגערט די הייליקע שטאָט.
ניט געבעטן האָט ירושלים
ביים שונא קיין רחמים און גנאָד.

ווען עס האָבן די פינגער פון הונגער
די העלדזער ביז גסיסה געשטיקט,
האָבן אַלץ די לוויים געזונגען
און גערופן ישראל צום זיג.

אויפן יאָר אויפן פערטן, ווען שדי
זיין חסד האָט אָפּגעקערט,
האָט דער אַכזר נבוזראַדן
פאַרנומען די שטאָט מיט זיין שווערד.

פאַרנאַכט האָט ער גאָר זיין חייל,——
פאַרשיכורט פון רצח און טויט,—
פאַרזאַמלט אויפן הר־הבית
צו פאַרברענען דעם מקדש גרייט.

נאָר איידער ס׳האָט בלוטיקער נכר
באַרירט נאָך די הייליקע ווענט,
געבידערט האָבן פיר מלאָכים
מיט פאַקלען אין זייערע הענט.

זיי האָבען באַרירט מיט די פאַקלען
די ווינקלען די פיר ביים יסוד—
און עס האָט זיך דער היכל צעפלאַקערט,
ווי אַ קרבן־עולה צו גאָט.

ווען דערזען האָט דער כוהן-גדול,
ווי עס פלאַקערט דער מקדש אין בראַנד,
די שליסלען אויפן גאָלדענעם פאָדעם
גענומען האָט ער פון דער וואַנט.

און זיין קול האָט מיט פחד געציטערט
איבער פלאַקער פון הייליקער שטאָט:
—„כ׳בין געווען דיר אַ פאַלשער היטער,—
די שליסלען נעם־צו ביי מיר, גאָט!"—

און אַ האַנט האָט זיך דורכגעריסן
דורך דעם זודיקן, פלאַמיקן תהום
און גענומען ביי אים די שליסלען—
און פאַרשוואונדען מיט זיי אין רוים.

און דאָ האָט די האַנט פון רוצח
דעם כוהן דערגרייכט מיטן שווערד—
און געקוילעט אים אויפן מזבח
און באַשפּריצט מיט זיין בלוט די ערד.

איז זיין טאָכטער אַרויס צו די שונאים
און זיך שטיל לעבן טויטן געלייגט,
פאַרדעקט מיט די הענט איר פּנים:
—„אָ, פאָטער—שוואַרצאַפּעל פון אויג!"—

האָט דער שונא געכאַפּט די בת-כוהן,—
צערייצט פון איר ליכטיקן מוט,—
זי געשאָכטן אין ווילדן שגעון
און צעמישט זייער ביידנס בלוט.

האָבן דעמאָלט אין שיין פון די קנויטן,
אין צעפלאַקער פון הייליקע ווענט
די יונגע לוויים — טרומייטן
און האַרפעס געכאַפּט אין די הענט.

און מיט הייליקע כלים צוזאַמען,
דער איידלסטער בחיר פֿון שטאַם,
האָבן זיי זיך געוואָרפֿן אין פֿלאַמען—
און עס האָט זיי פֿאַרצערט דער פֿלאַם.

ווען דער פּיינט האָט אין גרוי פֿון פֿאַרטאָגן
געטריבען קיין בבל זיין פֿאַנג,
האָט זיך לאַנג נאָך פֿון פֿייער געטראָגן
זייער זיס בית־המקדש געזאַנג.

און אין גרויל פֿון געשעכט און פֿון תּליות,
ווי אַ נס פֿון צעשייטערטער שטאָט,
איז פֿאַרבליבן דער כּוהן אַ ר י א ל,
דער לעצטער דינער פֿון גאָט.

ב. שכינתא בגלותא

דריי טעג און דריי נעכט האָט געראַגנט
מיט פֿייער און שוועבל און פֿלאַם,
ווי עס וואָלט אל-נקמות די ברעגן
צעשפּאַרט פֿון זיין גרימצאָרן-ים.

די הימלען געקאָוועט אין בלייען,
די ערד — ווי אַ זודיקע פּאַס :
פֿון גרונט ביז'ן שפּיץ הר-הבית
האָט געציטערט פֿון געטלעכן כּעס.

דריי טעג און דריי נעכט האָט געפֿלאַקערט
דער מקדש אין העלישן בראַנד —
אַ גרויליק-צעשייטערטער פֿאַקל
אין יהוה'ס צעצאָרנטער האַנט.

און הויך איבער פֿייער-געווירבל,
איבער רויך פֿון צעשייטערטע ווענט,
יעדער אות פֿון עשׂרת-הדיברות
האָט אין חלל געשוועבט און געברענט.

ס'האָט דער פלאַם שוין צום נצח דערקלעטערט
און דעם כסא-הכבוד געלעקט —
און עס האָט זיך נאָך אַלץ ניט געזעטיקט
גאָטס צאָרן אין פינצטערן שטרעק.

ווען דורך נעפל דער פערטער באַגינען
האָט מיט בלוי-ליכט באַשפּריצט דאָס גראָז,
ווי אַ זילבערנע טויב, האָט די שכינה
דער חרובן מקדש פאַרלאָזט.

ווי פאַרלאָשענע, שטומע הבדלות,
האָבן זיילן פון מקדש געשטאַרט, —
איז די שכינה אַוועק אין גלות —
אַ קרבן פון פינצטערן גזר.

ס'האָט באַגלייט זי דער עמוד-הענן,
זי געהיט פון פאַרצערנדן פלאַם —
און זי האָט איר פאַראומערט פּנים
פאַרגראָבן אין מדבר-זאַמד.

ג. סמאל אין מדבר

נאַכט. סמאל — אַ פינצטערער שפּאַרבער —
הויערט-אום ביי דעם מדבר-ראַנד
און קוקט, ווי עס צאַנקען און שטאַרבן
לעצטע פונקען פון מקדש-בראַנד.

ער לעקט לעצטע שטראַלן פון שקיעה
מיט אַ רויטער פאַרזשאַווערטער צונג
און אין שווער איבער פינצטערע תליות
ער גרייט זיך צום חיה'שן שפּרונג.

ער הערט, ווי עס קריכן די דערנער
צו דערשטיקן די צאַרטע בלום —
און ער שאַרפט אין דעם מולד'ס הערנער
זיינע נעגל — פאַרשפּיצט און קרום.

ער ווייס: ווען דער לעצטער בן-אָדם
וועט פאַרלאָזען די חרובע שטאָט, —
וועט אין צער און אין גרויל און אין פחדים
אויף די חורבות נידערן גאָט.

פון קדמונים, פון תוהו סמאל
פירט אָן אַלטן, פאַרצויגענעם קריג
מיט שדי׳ן, דעם גאָט פון ישראל,
וואָס האָט אים אַמאָל באַזיגט.

אָבער איצט הערשט דאָס בייז און די טומאָה,
און גאָטס היכל איז מער נישטאָ,
איז זיין טאָג דער געגאַרטער געקומען,
פון זיסער נקמה די שעה.

שוועבט סמאל — אַ פינצטערער שפּאַרבער —
מיט די נעגעל, פאַרשפיצט צום רויב,
און ער זעט: אויף די זאַמדיקע קאַרבן
ליגט די שכינה — אַ מידע טויב.

קרייזט ער אום איבער איר ביז באַגינען,
ווי אַ שוואַרצע, צעפלאַטערטע פאָן —
און עס גרייט זיך — אויף עלנטער שכינה
סמאל אַ וואָרף זיך צו טאָן.

ד. גאָט וויינט אויף די חורבות

אַ געהילטער אין מאַנטל פון אור-ווייס,
אַ באַדעקטער מיט אַש — אויפן באַרג
געזעסן איז גאָט אויף די חורבות,
פאַרגליווערט אין שטילקייט פון צער.

געשוויגען האָט שטאַר אל-נקמות,
דאָס פנים מיט טרויער באַדעקט,
געשפּיזלט אין אַחרית-הימים
מיט בליק פון חרטה און שרעק.

עס קוקן מלאָכים און שרפים
אין פּחד, אין צער און אין שטוין,
ווי דער אייביקער האַר פון אין-סופן
אין אַש וואַלגערט-אום זיין קרוין.

און געגעגנט האָט צו אים מטטרון
און געפאַלען אויף זיין געזיכט:
—„אַדושם, כ׳קאָן ניט צוזען דיין מאַטער,
ווייַנען דאַרף גאַר ניט דו, נאָר איך!״—

געשוויגען האָט לאַנג אל-צבאות
אויף דעם נאַקעטן שתיה-שטיין*)
און פּלוצים האָט וויסט זיך צעוואָיעט
אויף רויכיקן באַרג זיין געוויין:

—„וואו זייט איר, לוויים, כוהנים?
געשענדט און פאַרטיליקט פון פיינט?
הערט-אויס: אייער גאָט איז מקנא
אייער ליכטיקע מיתה אין פּיין!

—„און איך שווער דיר, מיין פאָלק ישראל,
ביי בן-עמרן — דיין הערלעכן הירט:
עס וועט קיינמאָל דער שוואַרצער סמאל
ניט האָבען קיין שליטה אויף דיר.

—„איך וועל זיין דיין באַשיצער און היטער,
כ׳וועל באַצאָלען דעם שונא זיין לוין...״—
און די שכינה מיט פריידיקן ציטער
האָט פון מדבר געענטפערט — „אָמן!״ —

ה. ביי די טייכן פון בבל

איבער שטעט, ווי פאַרלאָשענע קנויטן,
איבער דערפער, פאַרקוילטע אין בראַנד,
טרייבט דער שונא דעם שארית-הפליטה
אין קנעכטשאַפט צום בבל-לאַנד.

---

*) שתיה־שטיין — דער שטיין, אויף וועלכען עס איז, לויט דער לעגענדע, געשטאַנען דאָס בית־המקדש.

און פּאַראויס די פּאַראומערטע גולים
שפּאַנען שטאָלץ די לוויים אין פּענט
און טראָגען די הייליקע כלים
אין יונגע געצערטלטע הענט.

און מיט זיי שפּאַנען וואָלקנס, ווי בלאָ-וואָל,
אויפן הימלס געוועלבטן געצעלט.
ביז דער שונא ביי טייכן פון בבל
האָט אויף אָפּרו זיך אָפּגעשטעלט.

האָט צעהוליעט זיך הייסע משתה
אין קילער לבנה׳יקער שיין —
און שיכור איז ס׳האַרץ ביי די פירשטן
פון רצח, פון זיג און פון וויין:

—„ס׳זיינען ווייט נאָך די טורעמס פון בבל,
און מיד זיינען פיס שוין פון גאַנג.
העי, לוויים, איר זינגער יהוה׳ס,
שפּילט אויף האַרף אונדז אַ זיס געזאַנג!״ —

האָבן יונגע לוויים מיט שווייגן
באַגעגנט דעם שונא׳ס פאַרשווער
און צעהאָנגען די האַרפּעס אויף צווייגן
ביי די טייכן פון פרעמדער ערד.

און די פינגער די צאַרטע צעבראָכן
און געענטפערט דעם שונא מיט צער:
—„מיר קאָנען אין לאַנד פון דעם נכר
נישט שפּילן אויף אידישער האַרף.

—„מיר שווערן ביים מקדש-פייער:
זאָל אונדז דאַרן די רעכטע האַנט,
אויב מיר וועלן דיך, ירושלים,
ניט געדענקען אין פרעמדן לאַנד!״—

ז. ירמיהו׳ס קלאָג

אין די טעג, ווען דער פיינט האָט ישראל
מיט טויט און מיט אומקום געפּלאָגט,
האָט ביים טויער פון שטאָט ירמיהו
געזונגען זיין איכה-קלאָג:

—„כ׳בין דער מאַן, וואָס האָט אָנגעזען פּיינען
דורך דער רוט פון זיין צאָרן און כעס —
און געפירט האָט ער מיך ניט צו שיינען,
נאָר צו חשכות און אומקום און האַס.

—„און צעבראָכן האָט ער מיינע ביינער
און פאַרצערט מיר מיין פלייש און מיין הויט
און פאַרצאַמט מיינע וועגן מיט שטיינער
און מיך איבערגעענטפערט צום טויט.

—„ווי אַ בער, איז ער מיר אויפן לויער,
ווי אַ לייב — אין פאַרבאָרגענעם אָרט —
און פאַרצוקט און צעריסן מיט טלאָי׳ען
האָט ער מיך און דאָס רעשט פון מיין דור.

—„ווי די שטיינדלעך, די ציין מיר צעבראָכן,
מיך געוואַלגערט אין אַש און אין קויט —
ליגט אין ווערמוט צעשטויבט מיין נצחון,
און מיין וואָגל — ווי ווערימקרויט.

—„דערויף טוט מיין האַרץ אין מיר וויינען,
בעכן וואַסער טוט רינען מיין אויג:
אויפן בראָך פון מיין פאָלק, וואָס דער שונא
האָט פאַרשניטן אין פעלד, ווי אַ סטויג.

—„געעפענט דאָס מויל האָבען שונאים
אויף אונדז, ווי אַ גרוב און אַ גרויל —
פאַרטיליקט מיין שטאַם אָן רחמנות
אין הויז און אין פעלד און אין הייל.

—„און באַדעקט האָט זיך גאָט מיט אַ וואָלקן,
ס'זאָל מיין תפילה צו אים ניט דערגיין,
ניט געדענקט מיר דעם חסד אַמאָליקן —
און פון פיינט ניט געשיצט מיין געביין."—

ז. די הייל אין פעלדז פון נבו

און אַז ווייט איז אַוועק שוין דער שונא
און באַדעקט האָט דער שטויב זיין טראָט,
האָט אַ הויב זיך געטאָן דער מקונן
ביי דעם טויער פון חרוב'ער שטאָט.

און דערזעען : אין אַ ווינקל פון טויער
אַ יונג — ווי אַ שוואַרצער פלעק,
דאָס פנים פאַרהילט אין טרויער,
ביזן שטערן מיט אַש באַדעקט.

האָט ער שטיל אים גערופן ביים נאָמען :
— „ אַ ר י א ל , גענען אַהער,
ס'איז אונז ביידן פאַר אחרית-הימים
אַ שליחות דערפילן באַשערט.

—„כ'האָב דעם אָרון און פלאַם פון מזבח
באַהאַלטן אין הייל פון נבו,
אַז די בלוטיגע האַנט פון רוצח
זאָל נישט צוקומען קאָנען צו זיי.

—„כ'האָב דאָס מויל פון דער הייל פאַרריגלט
און פאַרשאָטן מיט שטיין און מיט ליים.
קום מיט מיר, כ'וועל דיר ווייזן דעם זיגל
ביים אַריינגאַנג צום גרויסן געהיים.

—„עס ווייס נישט דערפון קיין בן-אָדם,
חוץ דיר און חוץ מיר און חוץ גאָט :
גיב איך איבער צו דיר לפקדון
וועגן הייליקן פייער דעם סוד.

—„נישט ווייט פון נבו — אין די הייכן
שטייט אַ טורעם — אַן אָדלער-נעסט,
גיי אַהינצו און וואַרט אויף אַ צייכן
און גלויב, ס'וועט געשען דער נס.

—„ווען די שעה פון גאולה וועט בלויען,
צעברעך אַלע גבולן פון גרויל,
קום אַהער — פאַרן לעצטן כוהן
וועט זיך עפענען ס'מויל פון דער הייל".—

ח. אַריאל אין טורעם

ווי דעם אָדלער, פאַרמאַטערט פון שטורעם,
אויפן פעלדז צו מנוחה ציט, —
צו דער הויך פון געוועלבטן טורעם
האָט דער כוהן געצילט זיינע טריט.

ער געדענקט: אין צעשייטערטן היכל,
אין צעפּולווערטן אַשיקן שטויב
האָט געזוכט ער אַ שפור און אַ זכר
פון ת מ ר — זיין זילבערנער טויב.

און זיך שפּעטער דערוואוסט: אין באַגינען,
ווען דערברענט האָט גאָטס ליכטיק פאַרמעג,
איז זיין ת מ ר — זיין כלה — די ש כ י נ ה
פון מקדש אין גלות אַוועק.

פאַרשוועכט און געשענדט זיין אמונה,
זיין היימלאַנד — אַ חרובע נעסט, —
איז דער כוהן אין טורעם אַנטרונען
צו וואַרטן אויף צייכן און נס.

דורך די נעכט זעט ער: פּורפּורנע פלאַמען
הילן הימלען אין שטערן־צעשאָט.
ער דערמאָנט זיך: אָט־דאָ האָט ב ן ־ ע מ ר ם
דורך אַ קוש זיך באַהעפט מיט גאָט.

און עס נעמט אים אַרום אַזאַ פחד
און אַ פאָרכט פאַרן הייליקן אָרט —
און עס ברעכן די קני זיך, די שוואַכע,
און פאַרהאַקט אין זיין קעל איז דאָס וואָרט.

ביז — פאַרטאָג אויף די פיסגה־שפּיצן
ער דערזעט אַ געשטאַלט אין פלאַם.
דעמאָלט וויס ער: ס׳וועט מ ש ה באַשיצן
אים — דעם כוהן, דעם לעצטן פון שטאַם.

***

יעדן טאָג — פון פרי ביזקל טונקל,
אין זיין איינזאַמער פעלדזיקער היים
האָט ער פינצטערן ווייטיק געטונקען
אין ליכטיקן האָניק פון טרוים.

גענערט זיך מיט גראָזן און קרייטער,
געמאָלן אויף שטיינערנער מיל,
און עס האָבן אים הימלען, ווי אַייטערס,
באַטרונקען מיט טויאיקער מילך.

יעדן אָוונט געהערט האָט אַ ר י א ל:
דעם מילכוועגס פאַר׳כישופטן גאַנג,
פון צווייגן דאָס ליכטיקע בליען,
דאָס פרעכטיקע וועלקן פון זאַנג.

פאַרנומען ס׳געזאַנג פון מזלות,
דאָס זאַפטיקע רייפן פון טרויב —
און געבענקט האָט זיין האַרץ נאָכן גלות,
וואו עס וואָגלט־אום ת מ ר — זייך טויב.

די יאָרן, ווי וואַסערן, לויפן
אין בלענדונג פון טרוים און פון וואָר —
און פאַרביי צווישן פרייד און פאַרצווייפל
זיינען זיבן־און־דרייסיק יאָר.

ט. די טויב און דער שפּאַרבער

און איינמאָל בייַנאַכט, ווען געשריען
האָבן ראָבן אין קופּערנעם רוים,
האָט געחלומט אַ חלום אַ ר י א ל,
אַ ליכטיקן זילבערנעם טרוים:

... ס'איז נאַכט און ס'איז שפּעט. און אַ שטורעם
וויגט און טרייסלט די שטיינערנע ווענט —
און עס ציטערט דער פעלדזיקער טורעם
פון'ם שפּיץ ביזן פונדאַמענט.

און ער זעט, ווי מיליאַסן טויבן
פליען־אום אין צעבויטעטן רוים —
און זיי פּאַכן אין זילבערנעם זויבער
מיט פליגלען — אַ ווייסער טרוים.

און זיי טויכן אין כמאַרעס, ווי שוואָמען,
און זיי שרייען אין פליאיקן לויף.
און ער הערט, דוכט זיך, ס'קול פון זיין ת מ ר:
—„אונדזער שטאַם, אונדזער שטאַם וואַכט שוין
אויף!" —

און זיי זוכן פון שטורעם זיך שיצן
הינטער וואָלקנס, ווי שוואַרצע וואָל,
נאָר עס יאָגן זיי שפּיזיקע בליצן —
און זיי פאַלן געשאָכטן אין טאָל.

און דורך שטורעם און נאַכט איז פאַרפלויגן
אין זיין חדר, באַדעקטן מיט שטויב,
מיט רונדע, מיט גילדענע אויגן
אַ צאַרטע, אַ זילבערנע טויב.

און אין פענצטער — אַ פויגל אַ גרויער
פּיקט מיט שנאָבל — פאַרשפּיצט און שאַרף —
ווי אַ פינצטערער, ווילדער שגעון,
ווי אַ גרויזאַמער, לעצטער גזר.

האָט אַ ר י א ל די טויב גענומען
אויף זיין וואַרעמער, ווייכער דלאָן —
האָט זי פריידיק צעשפּרייט אין ברומען
אירע פליגל — אַ ווייסע פאָן.

און דורך שטורעם און נאַכט און געיאָמער
קוקט אַ ר י א ל — און גלויבט זיך קוים:
ער דערקענט אין דער טויב זיין ת מ ר,
זיין ווייסן, פאַרלוירענעם טרוים.

קוקט לאַנג אויף דער זילבערנער טויב ער
און אויף פויגל פון יענער זייט שויב —
און מיט שטוין און מיט פרייד און מיט גלויבן
רעדט אַ ר י א ל צו ת מ ר — זיין טויב:

— „זאָל געבענטשט זיין דער מאַכטיקער שטורעם,
זאָל געלויבט זיין די ליכטיקע שעה,
וואָס געבראַכט דיך צו מיר האָט אין טורעם
זיך צו שיצן פון שונא'ס טלאָ.

— „זאָג, ווער איז ער, דער פויגל דער גרויער,
וואָס זוכט דאָרט אין פענצטער־שויב,
ווי אַ פינצטערער וואָלף אויפן לויער,
דיך פאַרצוקן, מיין זילבערנע טויב?" —

קוקט די טויב מיט די גאָלדיקע אויגן
און זי וואָרקעט מיט ת מ ר ' ס קול:
— „איך געדענק אַ פאַרטאָג, ווען פאַרפלויגן
ביזטו ווייט פון דעם חרובן טאָל.

— „און איך? אונטער הענט פון פאַרדאַרבער
בין פון מקדש אין גלות אַוועק —
און אין מדבר אַ בלוטיקער שפּאַרבער
האָט געלויערט אויף מיר מיט שרעק.

— „און איצט — אין זיין פינצטערן לויער
ניט קיין פויגל קלאַפּט דאָ אין דיין שויב,
נאָר דער משחית — דער בייזער ס מ א ל
וויל פאַרצוקן, אַ ר י א ל, דיין טויב.״ —

און עס דוכט זיך אים ווידער און ווידער,
אַז די טויב רעדט מיט תמר׳ס קול:
— „עס וואַרטן אויף דיר דיינע ברידער,
באַפרייטע פון שונא׳ס עול.

— „דיר, אַ ר י א ל — דעם לעצטן כוהן —
האָט דער נביא אַנטפּלעקט דעם סוד.
קום אַרונטער פון טורעם פון בלויען
און באַניי זייער מקדש צו גאָט.״ —

***

און עס חלומט זיך ווייטער דעם נזיר:
... ס׳האָט אַ שטורעם צעוויגט דעם פעלדז —
און עס ליגט צווישן וויאַלע גראָזן
דער טורעם אין טיל און אין תל.

און אַרויס איז פון חורבן טורעם
מיט געשאַל פון נצחון די טויב:
זיך פאַרמעסטן אין גרויזאַמען גבורה
מיטן פויגל אויף יענער זייט שויב.

און פאַרטאָג איז דער גרויער פויגל
געלעגן פאַרבלוטיקט אין שטויב...
און אַנטקעגן דער זון איז געפלויגן
הויך אין הימל די זילבערנע טויב...

י. דאָס הייליקע פייער

אינדערפרי, ווען אין אָפּשיין אין בלייכן
האָט אַ ר י א ל פון שלאָף דערוואַכט,
האָט ער ליכטיק פאַרנומען דעם צייכן
פון זיין חלום אין יענער נאַכט.

געשפּילט האָט דער טוי אויף די שויבן,
ווי דער כתר פון שדי׳ס ליכט, —
האָט ער פריידיק און מוטיק דערהויבן
צו דער זון זיין צערונצלט געזיכט

און מיט אייליקע טריט מיט צעזונטע
איבער פעלדער, באַדעקט מיט טוי,
האָט אַ ר י א ל געשפּאַנט אַרונטער
צו דער הייל אין דעם פעלדז פון נבו.

אויף די הימלען, ווי פריש-געמאָלקן,
פאַשן וואָלקנס זיך — טשערעדעס קי —
און אויף העכסטן און ליכטיקסטן וואָלקן
רייט די שכינה אין גאָלדענעם גלי.

זי שוועבט און זי רופט אים ביים נאָמען:
— „אַ ר י א ל, ס׳האָט גאָט דיך דערוויילט!״ —
ניט די שכינה — זיין ליכטיקע ת מ ר
ווייזט אים אָן מיטן פינגער די הייל.

און ער זעט: ס׳שטייט די הייל אַ צעפּראַלטע,
אין דער טיף שיינט דער אָרון-הברית,
און ווי זיבן מנורות צעשטראַלטע,
ס׳ליכט פון הייליקן פייער פליסט.

האָט אַ ר י א ל אין פאָרכט און אין אימה
אַריבערגעשפּאַנט דעם צאַם —
און אַ הויב פון דער הייל, דער געהיימער
דעם אָרון און הייליקן פלאַם.

און געטראָגן דאָס הייליקע פייער
האָט ער מיט נצחון אין טראָט
אַרויף — צו דעם הר-הבית —
צו באַנייען דעם מקדש פאַר גאָט.

1949

אינהאַלט

יידיש

א. שפּראַך פון שפּראַכן — 5
ב. אליהו בחור — — — 6
ג. יעקב אַשכנזי — — — 7
ד. מזמור שיר למאַמע־יידיש 8
ה. ישראל בעל־שם־טוב — 9
ו. נחמן בראַצלאַווער — — 10
ז. שבת פרייד — — — — — 11
ח. אַ שפּיל מיר, קלעזמערל, אַ ניגון — 13
ט. ראַזשינקעס מיט מאַנדלען — — — — — 14
י. זיסע כלה — — — — — 15
יא. מענדעלע מוכר ספרים 16
יב. יצחק־לייבוש פּרץ — — 17
יג. שלום עליכם — — — — 18
יד. וואונדערלעכע נעמען — 19
טו. געלערטע, קריטיקער און פאַרשער — — — — 21
טז. איסט־בראַדוויי — — — — 23
יז. מאָריס ראָזענפעלד — 24
יח. יהואָש — — — — — — 25
יט. די „יונגע" — — — — — 26
כ. מאַני־לייב — — — — — 27
כא. יוסף אָפּאַטאָשו — — — — 28
כב. ה. לייוויק — — — — — 29
כג. מנחם באָריישאָ — — — — 30
כד. משה־לייב האַלפּערן — 32
כה. המשך — — — — — — 33
כו. א. לעיעלעס — — — 34
כז. יעקב גלאַטשטיין — — — 35
כח. י. י. סיגאַל — — — — — 36
כט. מלך ראַוויטש — — — 37
ל. איציק מאַנגער — — — — 38
לא. יידישע דיכטערינס — 39
לב. ליכט פון גאולה — — 40
לג. משה קולבאַק — — — — 41
לד. דוד בערגעלסאָן — — 42
לה. משה נאַדיר — — — — — 43
לו. ל. פיינבערג — — — — — 44
לז. רוף צום ווידערשטאַנד 45
לח. יצחק קאַצענעלסאָן — 46
לט. חיים גראַדע — — — — 47
מ. רחל קאָרן — — — — — 48
מא. אַברהם רייזען — — — — 49
מב. אַנטקעגן רשעות — — 51
מג. דער נס פון יידיש ליד — 52
מד. אַברהם סוצקעווער — 53
מה. עברית — — — — — — 54
מו. דער בונד פון ברידער־לעכן וואָרט — — — — 55
מז. נישטאָ קיין גלות און קיין ארץ — — — — 56
מח. שבת אַחים — — — — 58
מט. צום לאַנד פון אייביקן גערעכט — — — — — 59
נ. סידור יידיש — — — — 60

דאָס געזאַנג פון חרובן דור

דאָס געזאַנג פון חרובן דור — 62
מיר — סעמיטן — — — — — 64
די לעצטע דריי יידן פון וואַרשע — — — — 67
איך בין דער זינגמייסטער פון יידיש־ליד — — 73
רות און בועז (פּאָעמע) — — 74
דער לעצטער כוהן (פּאָעמע) 81